# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 171) פופצנטער יאָרגאַנג אַפּריל 1954 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט:

דאָס ליד פון אַלע לידער, די פּרק־פאַריידישונג פון שיר השירים, אליהו הנביא—1954 ** 1
דער גלעזערנער באַרג (אַ פּסח־דערציילונג) ........ רחל מירסקי 5
אויסגעלייזט די וועלט מוז ווערן (אַ פּסח־ליד) ........ יוסף הלל לעוי 10
יציאת... פּאַרוק (אַ מאָדערנע זמן־חרותנו־ווערסיע) ........ ל. האָכשטיין 11
נטע וואַסער־טרעגער דער אליה־נביא (אַ שטעטלדיקע פּסח־לעגענדע) ........ משה דאָמב 12
ירושלים (אַ ליל־שימורים־באַלאַדע) ........ א. נ. שטענצל 15
די פּרויס ראָלע פּסח (פעליעטאָן) ........ ל. ש. קרעדיטאָר 18
ג ע ו ו י ס ן (ליד) ........ בן־א. סאָכאַטשעווסקי 20
אין געוועב פון יחוס ........ מ. אַלמאַן 21
דער באַשלוס פון „פריינט פון יידיש לשון" מכוח די דייטשע רעפּעראַציע געלדער 22
צאָלונגען (ליד) ........ יוסף פערלשטיין 23
ירושלים—1905 ........ האַרי פינקעלשטיין 24
ו ו אַ ג ש אַ ל (ליד) ........ רבקה קאָפּע 25
אַ תפילה אין דער נאַכט ........ אליהו פאַלושאַק 26
בערטאַ זינגערמאַן אין לאָנדאָן ........ י. ה. לעוי 27
אריה לייב הערש ע"ה ........ רחל דון־יחיא 28
1) די פּורים־פייערונג פון פריינט פון יידיש לשון ;
2) פריינט פון יידיש לשון וועסט־ענד בראַנטש (באַריכטן) ........ נעט רובין 29
שאר־ירקות ........ ש. 31
לאָנדאָנער ידיעות ........ 32
קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס ........ 32

**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פּרייז :—19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

### תיקון טעות

אינם פעברואַר העפט נומער 169 איז אַריינגעפאַלן אַ פאַרדריסלעכער טעות אינם ליד „וואָס איז פאָן ?" פון י. ה. לעוי. אינם צווייטן סטראָף שורה 3 אַנשטאָט „דען מער ווי די אותיות הויל אין מאָן ?" דאַרף זיין „ווי די אותיות הוילע און טאָן ?"

דעם באַקאַנטן יידישן קולטור־טוער
פון מעץ
**ה' רפאל לייזעראָוויטש און פרוי**
צו די תנאים פון אייער טעכטערל
**ר אָ ז ע ט**
אונדזער האַרציקסטן **מזל טוב !**
י. ח. קלינגער און פרוי.

לייענט די איינציקע יידישע וואָכנצייטונג אין לאָנדאָן
„די יידישע שטימע"

### זונטיק אין בן־אורי

**זונטיק, דעם 28־טן מערץ, 8 אַזייגער**
אין 14 פאָרטמאַן סטריט, 1.11

**די מאָדערנע יידישע דיכטונג**

פאָרזיץ : א. נ. שטענצל.

מיר ווינטשן אַ רפואה שלימה **גוסטעל פאַלושאַק**, די פרוי פון אונזער פריינט **אליהו פאַלושאַק**, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע און געפינט זיך אין לאָנדאָן האָספּיטאַל.

נעט רובין און א. נ. שטענצל.

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

פריינט פון יידיש לשון צוזאַמען מיט דער וועסט ענד בראַנטש

דינסטיק, דעם 20־טן אַפּריל, 7.30

אין אַרבעטער רינג, עלי סטריט, א.1

**די טראַדיציאָנעלע וואַרשעווער געטאָ פייערונג**

עס וועלן רעדן: מיכאל זילבערבערג, לעמעל, פּאַלושאַק און ביעטש.

עס וועלן לייענען און זינגען פון די ווערק פון די קדושים: אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין, א. בלום. חזן שמואל ראָטה וועט מאַכן די הזכרה.

פאָרזיץ א. נ. שטענצל. איינטריט פריי.

---

פ ר יי נ ט   פ ו ן   י י ד י ש   ל ש ו ן

דינסטיק, דעם 13־טן אַפּריל, 4.30

אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט

**אַ פּאָפּולערער פאָלקס קאָנצערט**

עס באַטייליקן זיך:

מיני שערמאַן און מאַקס איצקאָוויטש וועלן אויפפירן דעם ערשטן אַקט פון „שולמית“ און זינגען די מעלאָדיעס און ניגונים פון דער „הגדה“.

דער קלאַוויר־שפּילער ערנסט ווייל

מאָריס מינדעל מיט זיין מאַנדאָלין און נעט רובין.

קומט אין מאַסן. איינטריט 1/6, 2/6.

---

### אַ האַרציקע באַגריסונג צו מיין ליבן פריינט ל. ש. קרעדיטאָר

איך באַגריס מיין האַרציקן אַלטן פריינט ל. ש. קרעדיטאָר צו זיין 75־טן געבורטסטאָג. זאָל ער נאָך לעבן פיל גוטע יאָרן און זיין טעטיק אויפן זשורנאַליסטישן געביט, ווי ער איז געווען אַלע יאָרן זינט איך קען אים.

חבר קרעדיטאָר, זייט געזונט און שטאַרק און זאָלן מקוים ווערן אַלע גוטע ווונטשן וואָס אייערע פריינט און לעזער ווינטשן אייך.

קייטי בראַון.

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 171)   פּופּצענטער יאָרגאַנג   אַפּריל 1954 לאָנדאָן

## דאָס ליד פון אַלע לידער

.1

דער סימן פון עכטער ליריק איז נישט בלויז וואָס ערלעך געפיל, פון פרייד צי פון וויי, זינגט זיך אַרויס פון געשריבענע שורות; דאָס איז נאָך צו ווייניק. דאָס קאָן נאָך זיין לויזע סענטימענטאַלע שטימונג. ווי שטאַרק און טיף די לידער זאָלן נישט זיין אַרויסגעזאָגט, קאָן עס אַלץ נאָך קומען פון אַ שוואַכן מאָמענט אַ שטימונג מיטצוטיילן, מיט אַנדערע זיך וועלן טיילן; דאָס האַרץ איז צו שוואַך אַ פרייד צי אַ לייד אַליין אויסצוטראָגן.

דער סימן מובהק פון עכטער ליריק איז, אַז פון געפיל, פון טיפן דערלעבעניש, האָט דער דיכטער כוח אַרויסצואַרבעטן אַ ממשותדיקע פאָרעם. פון דעם שווערן פאַרשטייניקט אין זיך, פון פאַרטייעטן, צי פון דעם שמעלצענדיקן צעגלאַנצטן מאָדעלירט ער אויס, טאָקט ער אויס, אַ ממשותדיקע שיינקייט, אַ חושימדיקע, ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן. פון דעם מוטנעם אַרץ אין בלוט, פון דעם ליימיק־שווערן אין האַרץ אַרויסאַרבעטן וווּנדערלעכע כלים, שלאַנקע און ריטמיש געפאָרעמטע מיט מעטאַלענעם בלאַנק און קלאַנג.

אַן עכט ליריש ליד איז דאָס האַרץ צאַפּלדיק אויף דער האַנט־פלאַך האַלטן, אַן אָקאָרשט אַרויסגעגראָבן אַנטיק שיסעלע פול מיט באַוווּנדערונג; אַ לייכט וויגנדיק קרוג, אַן איבערגייענדיקן אויפן קאָפּ טראָגן, צעשפּילט אין דער זון.

אָבער „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו“, דו זאָלסט נישט קוקן אויפן קרוג נאָר וואָס אין אים געפינט זיך. נאַציאָנאַלע קונסט ווערט ערשט די דיכטונג, ווען זי איז אַזוי סאָליד און שטאַרק געפאָרעמט, אַז דאָס געשאַפענע געפעס קאָן תמיד און כסדר ווידער־און־אָבער אָנגעפילט ווערן מיט פרישן געטראַנק. עס ווערט אויסגעלערט אָבער באַלד ווידער אָנגעגאָסן מיט נייעם דערלעבעניש. יעדער יחיד אין זיין איינזאַמקייט לייגט דערין זיין שטילקייט, גיסט אַריין געוויין און דאָס גאַנצע פאָלק זיין בצבורדיקן צער און זיין זינגענדיקן ניגון.

דעמאָלט אַז דאָס געשאַפענע קאָן אויסהאַלטן די „פייער פּראָבע“, אַז די פאָרעם איז אַזוי פעסט, ווערט עס נאַציאָנאַלע דיכטונג פאַר אַלע דורות; דאָס צירונג פונם פאָלק, וואָס גייט איבער בירושה פון קינד צו קינד.

„בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו“ —דער מענטש פאַר 5000 יאָר צוריק איז דער זעלבער געווען וואָס היינט צו טאָג און אַזוי ביז אין דער אייביקייט אַריין. דאָס גרויסע און טיפע געפיל ביים מענטש איז תמיד דאָס זעלבע — איינמאָל עכט דערלעבט, איז אייביק דערלעבט! עס מוז נאָר זיין אַזוי שטאַרק און פעסט געפאָרעמט, אַז עס זאָל אויסהאַלטן לדורות.

גרויסע דיכטונג ווייסט נישט פון קיין עלטער — „אַלטע ליבע געפאָרעמטע

ראָסטעט נישט!" די פּאַטינאַ אויף אידעלן מעטאַל מאַכט עס נאָר אינטערעסאַנטער, ווי אַן אָריענטאַלישע פאַרשלייערטע שיינקייט.

.2

„שיר השירים"! אַלע לידער האָט געזונגען אַ נביא, דאָס ליד — אַ נביא בן נביא; אַלע לידער האָט געזונגען אַ מלך, דאָס ליד — אַ מלך בן מלך; אַלע לידער זיינען הייליק, דאָס ליד — קודש קדשים. וואָס האָבן יידן נישט אַלץ אַריינגעלייגט אין דעם ליבע־ליד פון שלמה און שולמית, אַלע זייערע געפילן, זייער גאַנץ האַרץ; צענדליקע דורות דערלעבענישן, גאַנצע וועלט מיסטישע שטימונגען ליגט אין דעם ליד. ווי געוואַלטיק מוז דאָס זיין אויסגעפאָרעמט אַזאַ שפּילנדיקע עלאַסטישקייט, אַזאַ אויפקלינגענדיקע סאָלידקייט, אַזאַ פאַנטאַן־צעפינקלטע פּיראַמידע פון געפילן.

דער פאַראויסלויפנדיקער ריטם איז פון מור און בשמים שמעקנדיקע, פון ווילד־שלענגלדיקע סטעזשקעס צווישן געדריי פון בערג און טאָלן און דער נאָכקלאַנג, דער עכאָ, דאָס טריפנדיקע גאָלד פון די גלעקלעך פון פריש געוואַשענע, וואָס גייען אַרויס פון טייך אָקאָרשט געצוואָגענע.

אַזאַ געפּערלטער חרוזים־פּערז פון צעשאָטענע פאָלקס־לידער, פון שבטים־פאַסטוכער אין זייער ערשטער יוגנט; אויף שאַלאַמייען־פייפל דאָס גאַנצע האַרץ אויסגעפּיפן אין זון אויפגיי — — אַ נישט־ממשותדיקע, אויפן קאָפּ זיך געשטעלט, טאַנצט די גאַנצע וועלט און אויפן באַגלעקלטן זונען־פייגל קלאַפּט גאָט אַליין צו צום טאַקט. איז אַ וווּנדער אַז דאָס פאָלק אין זיין הויכער עלטער, אין דער שרעק פון זיין פאַרגיין, צילעט זיי אויף, צוזאַמענגעקליבענע, אויסגעזוכטע, איינס ביי איינס, אַכט שנירלעך עכטע פּערל צו טראָגן זיי אויפן האַלז פון די כנסת־ישראל, אויפן שטערן־בענדל פון דער „מטרניתא", אויפן ברוסט־טיכל, כביכול, פון דער שכינה הקדושה.

פון אַזאַ אור־ווונדערלעכן גאַנג־צעקלינגענעם פּסוק „שררך אגן אל יחסר המזג" וואָס קאָן מען נישט אַלץ אַרויסהערן? אַלע ע"ב פירושים מיט בשמים־ביקסל־גלעקעלעך! אין אַזאַ שרעק צעקלינגטן רויש פון חושימדיקייט ווי קאָן אַ פאָלק זיך פאַרשיכורן און אין זיין סודותדיקער מיסטיק זיך שכינה־בגלותדיק חדוהדיק צעטאַנצן מיט אַ בגילופין־קנאַק מיט די פינגער אין שוועבנדיק אין־דער־לופטן אין טאַבאַק־פּושקעלע זילבערנעם.

און דאָס גאַנצע פאָלק איז באַרוישט מיטן געזאַנג פון אַלע געזאַנגען; אין ברענענדיקן התלהבות כאַפּט יעדער אַרויס זיין פּסוק און פילט אים אָן מיט זיין גאַנץ לעבן. אַזעלכע פערזן מוזן שוין מיינען מער ווי די ליבשאַפט צווישן מאַן און ווייב... זיי מוזן שוין זיין רזין דרזין! פאַרהוילן פון מענטשלעכער השגה.

אָ, די יידישע געסלעך אין דער וואָך פאַר פּסח, דאָס שיר־השירים געזאַנג פון די זון־צעפּראַלטע אָפענע חדרים־פענסטער — — דאָס גאַנצע שטעטל איז צעשמעקט געוואָרן מיט פריש־אָנלויפנדיקע פרילינג ווינטלעך פון די לבנון־בערג, מיט וואָרקנדיקע טויבן פון פעלז־שפּאַלטן פון די „הרי ביתר".

און דאָס טיפע געזאַנג פון גאַנצן לייב און לעבן, פון גאַנצן נפש, ווען אַ



ייד, אַן אָפּגעמאַטערטער פון אַ גאַנצע וואָך אַרבעט, צעזינגט זיך אין אַ פּראָסטן פרייטיק פאַרנאַכט, אין בית המדרש ביים עק טיש: „משכנו אחריך נרוצה" — — נישט נאָר ווײנט פון אים אַרויס זיין גאַנצער גלות־וויי, נאָר די ווייענדיקע ווינדלעך אָנגעבלאָזענע פון די גערטנער אין „עין גדי" פילט ער אין זיין באָרד. און ער דערפילט די גרויסע איינפאַכקייט פון ליבשאַפט...

אין וויפיל זיידענע פּאַפּירלעך עס זאָל נישט זיין איינגעוויקלט דער „ליבעס עפּעל" שלאָגט זיך אַלץ זיין טוליעדיקער אַראָמאַט אַדורך דורך אַלע פאַרוויקלענישן.

## ביים לייענען די פּרץ־פאַריידישונג פון שיר השירים

מען קאָן אַן אבן־טוב אַזוי לאַנג שלייפן ביז עס בלייבט שוין פון אים גאָר נישט איבער; אַ שיינקייט אַזוי לאַנג שלייערן פאַר אַ בייז אויג, אַז מען זאָל נאָך קוים אַרויסזען די יידישע נאָז; און דאָס שמעקנדיקסטע עפּעלע, אין די דינסטע פּאַפּירלעך, ווערט פאַרפוילט, אַז זיינע קערנדלעך ווערן נישט באַנייט.

מען האָט עס טאַקע אָפּגעראַטעוועט פון די אומעסטעטישע הענט פון פרומאַקעס, מען האָט צוגעשריגן די סריסימדיקע מוסרניקעס: „אל תגעי במשיחי", רירט נישט אָן דאָס געזאַלבטע ליד, „שיר השירים".

אָבער „בכל דור ודור עומדים עלינו"... מיט צופיל ליבשאַפט קאָן מען אויך דערשטיקן! מען האָט עס אַזוי אין טויזנט פאַסונגען איינגעפּאַסט, אַז מען האָט שוין דעם עכטן בריליאַנט שוין באַלד נישט געזען. די גאָלדענע געשמידטע פאַסונג איז שוין געווען דער עיקר. מען קאָן אַן אבן טוב אַזוי איינשמידן אין געקייטלטן גאָלד, אַז ער זאָל שוין מער די ליכטיקע שיין נישט דערזען.

דידאַקטישע־געדאַנקן־קינסטלער, גאָלדשמיד־שפּינער קאָנען אַזוי ענטציקט ווערן פון זייער אייגענע קינסטלעכע פיליגרין־פאַסונגען, אַז זייער געהעמערטע ווערק קומט זיי אויס שוין אַ סך שענער ווי דער איינגעפאַסטער דימאַנט אַליין... און געפּערלטע חרוזים, נישט נאָר אין צירונג קעסטלעך קאָן מען זיי באַהאַלטן, און אין קלויסטער־קאַטאַקאָמבען אין גנבישע שמוק־שקעטעלעך זיי פאַרשטעקן, נאָר מיר נישט דיר נישט, צווישן איין שמעק טאַבאַק און צווייטן עס מגידיש פאַרשטופּן אין טאַבאַק־פּושקעלע.

מען האָט זי געהאַט „פאַרשלייערט" די שולמית פּרינצעסין צו אַן אַלטן בעל־דרשן! און ווי האָט ער זי אויסגעסטראַיעט אין דער שענסטער זיידן שובע און סאַמעט יופּע, דאָס טייערסטע שטערן־טיכל אויפן קאָפּ איר אָנגעטון און יעדעס יאָר איר אַ נייע בראָש אַריינגעשטעקט אין איר ברוסט־טיכל. אַז מען זאָל זי אים נישט אומטריי מאַכן האָט ער איר דעם שלייער איבער די אויגן געהאָנגען, אַרונטערגעשטופּט די אויערן אין דער קופּקע. אַז זי, די הייליקע, די שבת קודשדיקע, זאָל חלילה נישט וואָכעדיק ווערן, איז ער געווען אַ „מגלה טפח ומכסה טפחים", מיט קלוגן משל און זיס־איינשלעפעדיקער מעלאָדיע...

צו איר האַרץ־געליבטן, דאָס בענקענדיקע איכה געוויין: „פשטתי את כתנתי, איככה אלבשנה" אויף זיינע „אויב נישט נאָך העכער"ע, „צוויי בערג", האָט עס דער פּרינץ פון דער יידישער ליטעראַטור דערהערט, ער האָט אָפּגע־

שלאָגן די „שומרי החומות״־וועכטער און צו הילף איר „אַרויסגעקומען״:

„כאַפּט אונז די פיקסלעך, די וויינבערג די פאַרדערבער,
די פיקסלעך די קליינע, אונזער וויינבערג גרינט!״

י. ל. פּרץ, דער פּרינץ פון דער יידישער עכטקייט און פאַרטיפטקייט, דער מאַיעסטעטישער שעפערישער פון דער יידישער ליריק, ווי וויקלט ער זיך אין זיינע וואַריאַנטן די צילעוועדיקסטע ווערטער צו טרעפן, ווי ציט ער זיי אַרויס פון האַרצן ווי פּערל, און דאָס לעכערן זיי ווי פּרעציז־פּרצדיק.

„רעטראָסקאָפּיש״ שטעלט ער אָן זיינע צוויי באַרימטע פּרץ־אויגן, דעם מינדסטצ פלירט פון שולמית טאַנצנדיקע פיס־פּערזן נישט צו פאַרזען.

י. ל. פּרץ, דער הומאַניסט פון דער יידישער ליטעראַטור, באַווייזט זי צוריק, שולמיתן, אין איר גאַנצער נאַקעטער שיינקייט, איר אייביגער יוגנטלעכקייט. יידישלעך־וויזיאָנעריש, פּרעציז־אינטואיטיוו ענטדעקט ער זיי שעפעריש די טאַנץ־ און פאָלקס־לידער פון אורשפּרונג, פון אונזער ביבלישער יוגנטלעכ־קייט. מיט זיין לעצטן קעניגלעכן ווערק האָט ער זיך אָנגעטון די קרוין אויף זיין קאָפּ, זי אויסגעשמידט מיט יעדן קלאַפּ פון זיין האַרץ.

י. ל. פּרץ, ער וועלכער איז דער מיסטיקער און אויך עסטעט פון דער יידי־שער ליטעראַטור, פאַרטיפנדיק זיך אין די פאַרהוילענע ספירות, אינם געזאַנג פון די געזאַנגען; דווקא ער, דער סימבאָליסט און פּאַראַדאָקסיסט, האָט אין סוף פון זיינע יאָרן, מיט זיין אַבסטראַקטע חושימדיקייט דערטאַפּט דעם פּגם פונם „תפארת־שבתפארת״ און אים מתקן געווען. מיט זיין פאַריידישונג פון שיר־השירים האָט ער ענטדעקט איר פאַבולא, דעם קשר פון די אַכט חרוזים שניר־לעך זיי ווידער צו קענען טראָגן אויפן שלאַנקן־נאַקעטן אַלבאַסטער צאַרטן האַלז צירלעך גראַציעז און צניעותדיק רייצנדיק.

די פּערלדיקע חרוזים, זייער מיסטיש־מוטנער מאַטער פּערלמוטער־שיין ווערט רויזיק־דורכזעעוודיק אויפגעלויכטן פון דעם גליאיקן שולמית־לייב ווי ליריש־טוליענדיק יעדעס שנירעלע פאַלט אין אַן אויסגעוואַרעמטן שאָטנדיקן פאַלט. דאָס מיסטיש־סימבאָלישע ווערט אַזוי חושימדיק ממשותדיק, סאָלידע פאָרם אָנצוטאַפּן ממש מיט די הענט — דאָס האַרץ דערין אַריינצולייגן צאַפּלדיק לעבעדיק, דור־דורותדיק פאַריוגנט.

## אליהו הנביא — 1954

פאַרוואָס טוט אליהו הנביא
תמיד אין אַ גוי זיך רק פאַרשטעלן?
ווייל טאָמער וועט זיך אים ווידער די האַק
אין די הענט אַריין נעמען פאַרוועלן.

מוז דאָך שוין זיין די צרה גענוג גרויס,
אַז אליהו זאָל אַזוינס קענען;
פאַרשטעלט ער זיין צורה פאַר אַ גוי כאַטש,
מען זאָל דעם ייד אין אים נישט דערקענען.



איז ווער ווייסט וואָס עס וועט געשען איצט,
נאַצי קאָנסול אין ישראל גייט קומען!
האַלט עס, חלילה, אַזוי ווייט מיט אונז,
האַק אין האַנט אליהו גענומען?

איז וועלכער יענקי און וועלכער דזשאָן בול
יידן קוילענען וועט דאָס איצט וועלן?
מילא, יידן קיין בושה נישט אָנטון,
וועט ער זיך פאַר אַ נאַצי פאַרשטעלן...

---

רחל מירסקי

## דער גלעזערנער בארג

(אַ פּסח־דערציילונג)

מיין שכן, שלמה מאנעס, איז אַ בעל־הבתישער ייד, מיט אַ גוטן כאַ־ראַקטער, מיט אַ גוטן נאָמען און מיט אַ קלאָרן שכל; אַלע, וואָס זעען אים, האָבן דעם גרעסטן צוטרוי צו אים.

דאַרף ווער אַמאָל עפּעס אַן עצה, ווענדט מען זיך צו אים. קען ער יענעם נישט העלפן, ווערט אָבער דעם מענטש לייכטער אויפן האַרצן ווען מאנעס האָט אים אויסגעהערט. מאנעס געפינט תמיד די פּאַסיקע ווערטער יענעם צו טרייס־טען, אויב ער קען נישט העלפן.

איך בין תמיד צופרידן, אַז מיין שכן קומט אַריין צו מיר אין שטוב. ער האָט אַלעמאָל עפּעס צו דערציילן וואָס איז אינטערעסאַנט און אויך שיין. ער רעדט קיינמאָל נישט וועגן זיינע געשעפטן. אויב ער דערציילט שוין יאָ עפּעס פון געשעפט, איז דאָס תמיד נאָר ווען עס איז פאַרבונדן מיט זיינע ערשטע יאָרן נאָך זיין קומען קיין לאָנדאָן.

ער האָט זייער גערן צו דערציילן פון זיינע פריסטע יוגנט־יאָרן.

ער קומט גערן אַריין צו מיר אין שטוב, און איך ווייס דאָס, ווייל אָפט זאָגט ער:

— עס איז גוט ביי אייך אין שטוב. עס איז וואַרעם און ליכטיק. עס רעדט און דערציילט זיך לייכט. איר זייט אַ גוטער און אויפמערקזאַמער צוהערער.

עס איז אמת, איך הער צו מיט אינטערעס וואָס מיין שכן דערציילט פון זיי־נע לאַנג־פאַרגאַנגענע קינדער־ און יוגנט־יאָרן.

אַז ער רעדט וועגן זיין שטעטל, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן און דערצויגן געוואָרן, ווערט ער אויפגעלעבט; זיין פּנים שיינט. עס טרעפט אָבער אויך, אַז ער ווערט עפּעס טרויעריק:

— אַלס יונגער בחור בין איך געקומען אין דער וועלט־שטאָט לאָנדאָן. בין דעמאָלט געווען איינער פון אַ סך, וואָס זיינען אין יענע יאָרן אַהערגעקומען. כ׳האָב שווער געאַרבעט און אָרעם געלעבט.

דאָ האָב איך מיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ מיידל, וואָס איז אויך געקומען

פון אַ שטעטל אין פוילן די זעלבע אומשטענדן, וואָס מיך, האָבן אויך זי געברענגט אין דער פרעמדער וועלט אַריין.

מיר האָבן ביידע געבענקט נאָך דער היים, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן ; און דאָס געפיל פון בענקעניש האָט אונז פאַראייניקט. מיר האָבן חתונה געהאַט. מיר האָבן ביידע ווייטער געאַרבעט, כדי צו עפּעס צו קומען.

מיין פרוי האָט געהאָלפן צוגרייטן אויף יידישע חתונות און אַנדערע שמחות. דעמאָלט איז נישט געווען די מאָדע, וואָס היינט — מיט די גרויסע זאָלן און מיט אַלעם גרייטן.

מיט איר אַרבעט האָט זי גאָר אַ סך געהאָלפן אין דער פּרנסה.

איר פרעגט וואָס מיין אַרבעט איז געווען ? איך וועל אייך זאָגן. איך פלעג אויפקויפן אַלטוואַרג און אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געמאַכט צו קויפן.

ווען מיר האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָרט עפּעס געלט האָבן מיר געדונגען אַ קליין געוועלבל. מיין פרוי איז געבליבן אין דער היים, איך בין ווייטער געגאַנגען איבער די שטובן קויפן אַלטע זאַכן.

אַז דאָס ערשטע קינד איז אונז געבוירן געוואָרן, האָב איך אויך געמוזט אין דער היים בלייבן.

איך בין נישט קיין פרומער מענטש, כ׳בין אָבער אַ ייד מיט בטחון. און כ׳האַלט דערפון, אַז ווער עס שפּאָרט נישט קיין כוח זיך אַליין צו העלפן, דעם העלפט אויך גאָט !

מיר זיינען געהאָלפן געוואָרן. עס האָט אָנגעהויבן אונז גיין בעסער און בעסער. מיר האָבן מצליח געווען. אַזוי ווי איך פלעג קויפן אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געמאַכט צום קויפן, שטריק, זעק, פּאַפּיר, אַלטע קאַסטנס און נאָך אַנדערע זאַכן, בין איך געקומען אויפן געדאַנק, אַז אָט די אַרטיקלען וועלן אונז געבן פּרנסה.

פון געוועלבל, וואָס מיר האָבן געהאַט, איז געוואָרן אַ קליין געשעפטל און מיט די יאָרן איז עס געוואָרן אַ סך גרעסער. און דאָס איז טאַקע דאָס געשעפט, וואָס מיר האָבן ביזן היינטיקן טאָג.

די צוויי זין און אַ טאָכטער, וואָס מיר האָבן, האָבן מיר געגעבן אַ גוטע דערציאונג. געוואָלט, אַז די קינדער אונזערע זאָלן האָבן אַ בעסער און לייכטער לעבן, ווי מיר האָבן געהאַט. מיר האָבן תמיד געדענקט ווי דאָס לעבן איז שווער געווען פאַר אונז.

די קינדער זיינען שוין אַלע פאַרהייראַט און אַרבעטן אין געשעפט. פּאַקטיש האָבן זיי עס שוין איבערגענומען. זאָלן זיי איצט זיין די בעלי־בתים. זיי זיינען יונג, מיט נייע אידעען, און די צייטן זיינען אויך אַנדערש ווי אַמאָל.

אַז איך וויל גיי איך אַריין אויף איניקע שעה אין טאָג אין געשעפט. וויל איך נישט גיין, איז אויך גוט. איך קען מיך פאַרלאָזן אויף די קינדער. די זאַך איז אָבער וואָס איך האָב אַ סך פרייע צייט. און וואָס מער צייט איך האָב, אַלץ מער טראַכט איך פון די אַמאָליקע יאָרן. דער עיקר אַז עס קומט אַ יום־טוב. דעמאָלט האָב איך פאַר די אויגן מיין שטעטל, וואָס כ׳געדענק אַזוי גוט.



אַממייסטן זע איך אַלץ אַזוי קלאָר אין דער צייט פון פּורים ביז פּסח. דעמאָלט האָט מען געוווּסט, אַז דאָס שטעטל, וואָס איז געווען אונזער וועלט, וועט זיך באַלד באַנייען נאָכן ווינטער, און מיט דער באַנייאונג וועט זיך אויך אַלץ פאַרבעסערן. דאָס לעבן וועט לייכטער ווערן.

מאנעס הויבט אויף די אויגן צו מיר און זאָגט :

— איר קומט דאָך אויך פון יענע מקומות, איר האָט דאָך אויך עפּעס צו דערציילן ! דערפאַר ווייס איך, אַז איר ווייסט, אַז אַלץ וואָס איך דערצייל, איז נישט אויסגעטראַכט.

איך קוק אויף אים און ענטפער בלויז מיט אַ שמייכל פון די אויגן מיינע. איך ווייס, אַז שלמה מאנעס, מיין שכן, איז אַביסל אַ טרוימער מיט אַ שיינער, פּאָעטישער נשמה און אַלץ, וואָס ער דערציילט, איז תמיד פאַרבונדן מיט דער נאַטור.

איך זע טאַקע באַלד ווי זיין פּנים נעמט אָן אַ מילד אויסזען, אַ שמייכל צעלייגט זיך אַרום זיינע אויגן, וואָס ווערן ווי מיט אַ טוי פאַרצויגן.

לאַנגזאַם, מיט אַ טיפערער שטימע זאָגט ער :

— אוי, ווען איר וואָלט געקענט מיין שטעטל מיט די צוויי בערג, וואָס קוקן אַריבער איבער אַלע הייזלעך און איבער דער אַלטער שול, וואָס איז געווען די העכסטע געביידע אין דעם שטעטל ; און די צוויי בערג, ווי אַ גרויסער מיט אַ קליין ברודערל, וואָס האַלטן זיך ביי די הענט — דער קליינער, גרינער טימעלע־באַרג און דער גרויסער, ווייסער גלעזערנער באַרג ! (פאַרוואָס ער האָט געהאַט דעם נאָמען ווייס איך נישט).

דער קליינער, גרינער באַרג האָט געהאַט שטיין אויף זיין קאָפּ אַ קליין „טומאה׳לע“ מיט קליינינקע פענסטערלעך, און אין די חגאות אָדער זונטיק פלעגן אין דער „טומאה“ ברענען ליכט. האָט מען אין די פינסטערע נעכט געזען דאָס ליכט איבערן גאַנצן שטעטל.

אַז קינדער זיינען געגאַנגען פון חדר אין אַזעלכע נעכט, פלעגן זיי מורא האָבן אויפצוהויבן די אויגן. מען איז געווען זיכער, אַז אויב מען וועט אַרויפקוקן, וועט מען דערזען שדים און נישט־גוטע . . .

דערפאַר איז אָבער דער גלעזערנער באַרג געווען אונזערער — דער יידישער. ער איז אַ סך העכער ווי דער גרינער און אין דער זייט, וואָס איז צום שטעטל. ער איז ווייס,און יידן פלעגן זאָגן, אַז מען האָט אין אים, נעבעך, אַזוי לאַנג אַריינגעהאַקט און פון אים געריסן שטיקער ביז ער איז געבליבן מיט אָפענע ווונדן.

ווייט אַרום זעט מען דעם ווייסן באַרג, און מען זעט וואָס עס טוט זיך אין זיין איינגעווייד. פון דעם באַרג נעמען ווייבער קרייד צו פוצן די שבת־לייכטער און צו ווייסן די שוועלן פאַר די טירן פון די הייזער.

אויפן שפּיץ באַרג איז געשטאַנען אַ ברייט־צעוואַקסענער בוים. הינטער דעם בוים האָבן געוואַקסן איניקע ווילדע רויזן־קזשאַקעס. אַז מען האָט אַרויפגעקוקט, האָט דער בוים געהאַט אַן ענלעכקייט פון אַ מענשלעכן קאָפּ.

דער שניי אין ווינטער איז אויבן געלעגן לענגער ווי אויפן צווייטן באַרג; און זער אָפּט אויך אויפן בוים. האָט זיך דאָס בילד פאַרגעשטעלט פונדערווייטנס ווי אַ הויכער ייד אין אַ ווייסן קיטל, אַ קאָפּ מיט אַ טונקעלער באָרד אין אַ ווייסער יאַרמעלקע.

פאַר פורים האָבן יידן און יידענעס זיך שוין אָנגעהויבן איבערצוואַרפן מיט ווערטלעך: „אונזער באַרג גרייט זיך שוין צום סדר”. די יידן אין שטעטל האָבן שטאָלצירט מיט זייער יידישן, גלעזערנעם באַרג.

די טעג זיינען געוואָרן לענגער און וואַרימער, די שמאָלע געסלעך זיינען געוואָרן פול מיט שוואַרצע, בלאָטיקע ריטשקעס פון דעם וואַסער, וואָס האָט געקאַפּעט פון אומעטום.

אוי, האָב איך דעמאָלט ליב געהאַט דעם ווייסן באַרג, ווי ער קוקט אַזוי אַראָפּ פאַרטראַכט אויף אונזער שטעטל, וואָס באַפרייט זיך אַזוי פון אייז.

און ליב האָב איך געהאַט דעם פאַר־פסח. און ווען ס׳איז געקומען די צייט פון מצות־באַקן איז די וועלט געווען מיין!...

איר פרעגט, פאַרוואָס?

דאַכט זיך, אַז איך האָב שוין אַמאָל אייך דערציילט, אַז מיין פאָטער איז געשטאָרבן ווען איך בין געווען גאַנץ יונג. און עס איז נישט געווען לייכט מיין מוטער צו פאַרזאָרגן אונז קינדער. מיין נאָך גאַנץ יונגע מאַמע האָט שטאַרק געליטן דערפון, וואָס זי קען נישט געבן אירע קינדער אַלץ, וואָס קינדער ווילן און דאַרפן האָבן.

דערפאַר, אַז עס איז געקומען די צייט פון מצות־באַקן, פלעג איך זיך פילן אַ דערוואַקסענער. כ׳האָב געוווסט וואָס איך וועל טון. איך וועל גיין פאַרדינען געלט, און וועל קענען העלפן מיין מאַמע מאַכן פסח.

היינט, אַז איך דערמאָן זיך אין יענער צייט, באַפאַלט מיך אַ געפיל פון וואַרימקייט; און פון דער צווייטער זייט טראַכט איך, כ׳בין דאָך דעמאָלט כמעט אַ קינד געווען און שוין געהאַט דעם פאַרלאַנג צו פאַרדינען געלט, כדי צו קענען העלפן מיין מאַמע...

איצט רופן די אַלע דעראינערונגען אַרויס רחמנות צו זיך אַליין, וואָס כ׳בין אַזוי פרי אַלט געוואָרן.

מיין שכן איז שטיל געבליבן; איז אַזוי געזעסן אייניקע מאָמענטן. ווען איך האָב אויף אים געקוקט האָט מיר אויסגעוויזן, אַז עפּעס וויינט אין אים.

—איי, וואָס האָב איך זיך פאַרטראַכט? איר ווילט דאָך וויסן וואָס מיין אַרבעט איז געווען אין דעם פּאָדראַט? עס איז נישט זער פריילעך — שמייכלט מיין שכן — אָבער איך האָב פיל צו דערציילן פון יענער צייט. די אַרבעט, וואָס איך האָב געטון, הייסט אַ מצות־קערער. און צו דער אַרבעט דאַרף מען האָבן קליינע יונגלעך. איר ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַ מצות־קערער? אַיאָ? איך וועל אייך דאָס דערקלערן.

דער קנעטער שיקט דאָס טייג צום וועלגערער, דער וועלגערער צום רעדלער, און פון אים גייט די מצה צום בעקער. זער שנעל מוז דאָס אַלץ געטון



ווערן. און פונקט אַזוי שנעל מוז די מצה אַרויס פון אויוון; דאָס איז דער דין אַזוי. אַרום דעם אויוון איז אויסגעשפּרייט אַ פון שטרוי געפלאָכטענע ראָגאָזשע, ווו די געבאַקענע מצה ווערט אַרויפגעוואָרפן. מיין אַרבעט איז געווען צו כאַפּן די הייסע מצה און זי אַרומווישן מיט אַ פלעדערוויש. אָבער דאָס איז נישט אַלץ — לאַכט שלמה מאַנעס — דער מצות־קערער מוז זיין באָרוועס, און ווי אויף להכעיס פאַלט תמיד אַ ברענענדיקע מצה אויף די באָרוויסע פיס...

אַז מען אַרבעט אָפּ פערצן־זעכצן שעה אַ טאָג, ווערן מיינע פיס פול מיט בראַנד־וווּנדן. ווען איך שעם מיך נישט, ווייז איך אייך די סימנים, וואָס איך טראָג נאָך אויף מיינע פיס פון יענער צייט אָן.

היינט, אַז איך קוק אויף מיינע פיס דערמאָן איך מיט טרויער מיין קינדהייט. דאָס איז היינט, אָבער דעמאָלט האָב איך געליטן און געשוויגן. בין געווען צו שטאָלץ זיך צו באַקלאָגן; אויך געווען שטאָלץ אויף מיין פאַרדינען געלט, כדי צו קענען העלפן מיין גוטער מאַמע אַריינברענגען דעם פסח אין אונזער שטוב.

און נאָך עפּעס, מיט וואָס איך האָב מיך געטרייסט. נאָך פסח וועל איך אַרויף אויף אונזער ווייסן, גלעזערנעם באַרג און אויסרוען און קילן מיינע פאַרווונדעטע פיס אין דעם יונגען, קילן גראָז. איך וועל ליגן אונטערן גרויסן, אַלט־צעוואַקסענעם בוים. וועל אַרויפקוקן צו זיינע צווייגן מיט די נישט־לאַנג צעעפנטע קנאָספּן מיט העל־גרינע בלעטעלעך, וועלכע רייסן זיך אַרויף צום הימל מיט אַ דאַנק צו דער זון פאַר דער וואַרימקייט, וואָס זיי קריגן פון איר פאַר זייער נייעם, יונגען לעבן. —

ער איז ווידער שטיל געבליבן. דער מילדער שמייכל האָט זיך ווידער באַוויזן אַרום זיינע קלוגע אויגן.

— און די פרייד, וואָס מיר האָבן געהאַט דעם לעצטן טאָג פסח, ווען מען האָט אַרויסבאַגלייט דעם יום־טוב פון דער שטאָט!... יידן מיט די ווייבער און קינדער, אַלע, גרויס און קליין, זיינען געגאַנגען באַגלייטן דעם יום־טוב. דאָס וועטער פלעגט זיין שיין און וואַרעם.

לאַנגזאַם איז מען אַרויף אויף די בערג. קינדער האָבן איינס דאָס אַנדערע געוויזן ווו זייערע היימען שטייען, וועלכע זיי האָבן פונדערווייטנס דערקענט.

די גרויסע האָבן אַריבערגעקוקט צו דער אַנדערער זייט פון שטעטל, צום גרויסן טייך, וואָס איז איצט געווען פריי פון אייז; און די זון האָט זיך געשפּיגלט אין זיין קלאָרן וואַסער..

מיר, די קינדער — צווישן זיי האָב איך פאַרגעסן, אַז כ׳בין אַ דערוואַקסענער — זיינען אַרומגעשפּרונגען ווי די יונגע הירשן. האָבן נישט מורא געהאַט פאַר דער „טומאה” אויפן קליינעם, גרינעם באַרג, ווייל די זון האָט געשיינט און די גרויסע זיינען געווען מיט אונז.

## קומט צו אונזערע יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

### יוסף הלל לעווי

## אויסגעלייזט די וועלט מוז ווערן

ווידער איז צו אונדז פאַרפאָרן
זיידע פּסח חסידיש רייך,
ווי אין זיינע יוגנט־יאָרן,
דורך דעם זון־צעוויגטן טייך.
האָבן אים די ביימער, בלומען,
דופּטנדיק ברוך הבא, —
ליב און האַרציק אויפגענומען,
מיט דער זון אין הימל־בלאָ.

אויף דעם אַלטן גאַסט דעם טרייען,
האָט מען שוין פון לאַנג געוואַרט, —
אין די נעכט פון זאווערייען,
און אין אייז און שניי פאַרשפּאַרט.
ביז דער אורח אָנגעקומען,
איז אויף איינמאָל מיט געקלאַנג,
האָבן אים באַגריסט די בלומען,
און די פייגל מיט געזאַנג.

מיטגעבראַכט מתנות שיינע,
האָט ער יעדעמען פון צוויט,
הימלען טיף צעבלויטע, ריינע,
וועלדער, פעלדער, ווייט צעבליט.
יעדעס ביימל, יעדעס בלימל,
ווי דער פרילינג־ווינט צעברומט:
מיט דער גאָלדנער זון אין הימל
רופן אַלע סקאצל קומט!

סקאצל קומט דו הדרת פנים,
סקאצל קומט דו טיירער גאַסט!
טייכלעך, פייגל, ווי חזנים,
זינגען צו אים ס׳ליד פאַרפאַסט.
ווו אַ הייזל, ווו אַ געסל,
ווו אַ שטיבל אויסגעמאלט,
מצות ווייַן און באָרשט אין פעסל,
האָט דער טיירער זיידע האָלט.

יעדעס יאָר דערוואַרט מען ליבער
ס׳קומען זיינס ביי אונדז אין הויז,
רוימט מען אויף פאַר אים די שטובער,



פוצט זיך אויס פון קליין ביז גרויס.
היינט ערשט ווען מיט פיל כוונה
ס׳ווערט דער סדר צוגעגרייט,
ווי אין הימל די לבנה —
שטראַלט דער זיידע אויף פאַר פרייד.

אין עטרה אינעם טלית,
זיצט דער זיידע, שטראַלט און ברענט!
תורות זינגט ער מיט התפעלות,
און ער פּאַטשט מיט זיינע הענט.
שוין גענוג געווען ביי שונאים,
אינעם גלות־יאָך געשמידט,
זאָרגן־פריי זאָל יעדעס פנים
ווערן ביי אַ יעדן ייד!

אויסגעלייזט די וועלט מוז ווערן,
און דער ייד פון צער באַפרייט,
אויסגעלייזט פון בלוט און טרערן,
און פון יעדער גלות־קייט.
חרות, חרות, זאָל עס קלינגען,
אין דער נייער וועלט צעבליט.
יעדעס האַרץ זאָל מיט מיר זינגען
חרות מיט אַ פריי געמיט.

---

### ל. האָכשטיין

## יציאת... פאַרוק!...

(אַ מאָדערנע „זמן־חרותנו״־ווערסיע)

ווען היינט וואָלט געלעבט אונזער משה רבינו,
וואָלט מען איבערגעדיכטעט דעם פיוט „דיינו״,
דעם „אז ישיר משה״ וואָלט מען אַנדערש געזונגען,
די הגדה־פּאָעמע וואָלט אַנדערש געקלונגען...

נאָך וואָס דאַרף מען מופתים, מיט שטעקענס, מיט „דראַקעס״,
און שטראָפן מצרים מיט גאַנצע צען מכות,
נאָך וואָס די בהלה מיט טייג אויף די פּלייצעס?
אַז משה רבינו האָט אַנדערע עצות!

ווען משה רבינו וואָלט געלעבט צווישן אונז, —
וואָלט ער היינט באַוויזן אַ גרעסערן קונץ:
עס וואָלטן די יידן אין מצרים פאַרבליבן;
און ע ר וואָלט פון דאָרטן פאַרוק׳ן פאַרטריבן...

משה דאָמב

## נטע וואַסער־טרעגער דער אליה נביא

(אַ שטעטלדיקע פּסח־לעגענדע)

ווייט אונטערן שטעטל האָט זיך געצויגן אַ געקאַלעכטער שאָסיי. פון ביידע זייטן זיינען געווען קרומע און הויקערדיקע הייזקעס מיט שינדל־דעכער, נעבן די הייזקעס האָבן געוואַקסן אַקאַציע־ביימער, קאַשטאַן ביימער און ס׳האָבן געוואַקסן פאַרשידענע גראָזן, פּאָקזשיוועס, קזשאַקעס און ווילדע בלומען. אין איינעם פון די הייזקעס האָט געוווינט נטע וואַסער־טרעגער מיט זיין אַלטער מאַמע קריינדל. נטע, אַ הויכער, דאַרער, מיט לאַנגע פיס, שטענדיק אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, האָט ער געטראָגן וואַסער פאַר די שטעטלדיקע יידן. ס׳האָט קיינער נישט געוווּסט אין שטעטל, פון וואַנען נטע וואַסער־טרעגער איז געקומען. קינדער זיינען אים נאָכגעלאָפן, געוואָרפן שטיינער אויף אים און געשריגן:

„העי נטעלע, נטעלע, נאַר . . .  
טראָגט וואַסער פאַרן הויז פאַרבאַ,  
האָסט הענט, ווי דער ליימענער גולם,  
און מאַכסט לאַכן דעם עולם,  
אוי נטעלע, נטעלע נאַר״ . . .

נטע וואַסער־טרעגער איז געווען אַ שעמעוודיקער, האָט גערעדט ווי אַ מיידל מיט אַ קוויטשענדיקע שטימע, געגאַנגען שאָקלדיק מיט צעשפּרייטע שפּרייזן און אויף זיינע אַקסלען געטראָגן די עמערס וואַסער. פאַר איין מענטש האָט נטע ריכטיק דרך־ארץ געהאַט, דאָס איז געווען דער אַלטער שלמה וואַסער־טרעגער, ווייל שלמה האָט אים געבראַכט מיט זיין אַלטע מאַמע קריינדל פון אַ דאָרף ערגעץ, אונטערן שטעטל. זיין טאַטן האָבן די דאָרפס־פּויערים אַרונטערגעוואָרפן אונטער די רעדער פון די וואַסער־מיל, אויס קנאה וואָס נטע וואַסער־טרעגער׳ס טאַטע איז געווען מילנער פון די קליינע דאָרפס־מיל.

פון אונטערן קליינעם פענסטערל פון נטע׳ס הייזקע האָט מען שטענדיק געהערט אַ געוויין, אַ קרעכץ פון נטע׳ס מאַמע, וואָס איז שטענדיק געזעסן ביי אַ „קרבן־מנחה״ און זיך געשאָקלט און געוויינט מיט פאַרגלייזטע אויגן. נטע איז שטענדיק אַהיימגעקומען אַ מידער, אַ נאַסער, איינגעבויגן. ביינאַכט פלעגט ער זאָגן תהלים, פאַרטאָגס אויפשטיין צו „השכמה״ אין בית־המדרש. יידן האָבן זיך פון אים אָפּגערוקט אין אַ זייט ביים דאַוונען, ווייל נטע׳ס בגדים זיינען שטענדיק געווען פאַרפּעטסט און ברודיק און ס׳האָט זיך פון אים געשפּירט. איז נטע שטענדיק געשטאַנען איינזאַם ביים כיור און זיך געשאָקלט. ווען ס׳דאַוונען האָט זיך געענדיקט איז נטע פאַרשוווּנדן, אַז קיינער האָט נישט געוווּסט ווו אַהין נטעלע איילט זיך אַזוי.

איינמאָל אין אַן ערב־פּסח האָט דער גלח פון שטעטל צעוויסן געטון די יידן פון שטעטל, אַז נעבן זיינע לאָנקעס אונטערן קאָשציאָל, ווו ס׳איז דאָ אַ ברייטער טייך, קומט צו גיין עפּעס איינער און איז זיך טובל אין וואַסער דריי מאָל און פאַרשווינדט ערגעץ שנעל.



בליץ־שנעל האָט זיך פאַרשפּרייט אין שטעטל אַ מעשה, אַז דאָס איז אליה הנביא. זינט דעמאָלט זיינען שוין אַלע ווייבער געלאָפן צום גלח׳ס טייך טובלען טעפּ, גאָפּל־מעסער, שיסלען און אַנדערע נייע כלים אויף צו נוצן פּסח. צווישן די ווייבער איז אויך געווען קריינדל, נטע׳ס מאַמע.

דעם שמש פון שטעטל האָט דער רב געשיקט יעדן פּסח פאַרטאָג זען ווער די געשטאַלט איז דאָס. אין איין גראָען פּסחדיקן מאָרגן האָט דער שמש געוואַנדערט איבער דעם גלח׳ס לאָנקעס. פון ווייטנס האָט ער בלויז געזען אַ קופּע הויקערדיקע הייזקעס מיט רויטע שינדלען פון שטעטל און דער טורעמדיקער קאָשציאָל האָט אויסגעזען ווי להבדיל אַ בשמים־ביקסל. אַ שטיל פרילינג ווינטל האָט געווייעט. פּלוצלינג האָט דער שמש דערזען צעשפּרייטע פּאָלעס, וואָס דער ווינט האָט צעיאָגט. נענטער, נענטער האָט ער דערזען די הויכע וואַקלדיקע געשטאַלט פון נטעלע וואַסער־טרעגער. ווען דער שמש האָט דערזען נטעלען האָט ער צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט: „נטע בן יוסף, דער רב פון שטעטל האָט מיך געשיקט דיר זאָגן, אַז דאָס וואַסער ווו דו טובלסט דיך איז טמא, ווייל ס׳איז נעבן דעם קאָשציאָל און ס׳באַלאַנגט צום גלח״... נטע׳ס געשטאַלט איז שנעל פאַרשוווּנדן, איבערן בערגל פון די לאָנקעס.

דער משוגענער איצקל דער בעדער האָט דערציילט פאַרן רב, אַז נטעלע פלעגט קומען צו אים אין די מקוה אַריין זיך טובל זיין, אָבער ער האָט אים פאַריאָגט פון דער מקוה ווייל ער איז שרעקלעך ברודיק. צו דער סדר־נאַכט זיינען אַלע ווייבער און דינסט־מיידן געלאָפן הענדום־פּענדום צו נטעלע׳ס הייזקע זען, ווי אַזוי נטע דער אליה נביא רעכט אָפּ דעם סדר, אָבער נטעלע וואַסער־טרעגער איז אין דער היים נישט געווען. האָבן שוין אַלע געדענקט אַז מסתמא לויפט נטעלע אַרום פון שטעטל צו שטעטל, אַריינצוקומען אין יידישע שטובן, ווען די טירן עפענען זיך.

ס׳זיינען אַוועקגעלאָפן די טעג פון פּסח און מען האָט גאָרנישט געהערט פון נטעלען, קיינער האָט נישט געוווּסט ווו נטעלע איז פאַרשוווּנדן ערגעץ. קריינדל, זיין אַלטע מאַמע, האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן: „מיין נטעלע, מיין טייערער צדיק און קדיש־זאָגער, אוי ווייי, רבונו של עולם״...

די קינדער פון שטעטל האָבן געטרויערט, געלאָפן זוכן נטעלען צום גלח׳ס וואַסער, צווישן די קזשאַקעס איבער די לאָנקעס, אָבער קיינער האָט אים נישט געקענט געפינען אין ערגעץ, ווייל נטעלע האָט געוואַנדערט איבער וועלדער, פעלדער, ערגעץ איבער דערפער מיט אַ תהלים אין דער האַנט, געלאָפן זוכן די נשמה פון זיין טאַטן.

פּויערים אין די דערפער האָבן זיך געצלמט, ווען נטעלע איז דורכגעגאַנגען איבער די פעלדער, ווו זיי האָבן געאַקערט. די גלחים האָבן אָנגעזאָגט די פּויערים אים נישט צו טשעפּן, ווייל דאָס איז עפּעס אַ הייליקער ייד, וואָס זוכט גאָט און די נשמה פון זיין טאַטן, וואָס ער האָט פאַרלוירן ערגעץ אונטער אַ וואַסער־מיל.

ווען דער פּויער וולאַדעק האָט דאָס דערהערט פון גלח, האָט ער גלייך זיך

געוואָרפן פאַר די פיס פון גלח און געבעטן ביי אים מחילה, ווייל ער, וולאַדעק, האָט דאָס אַרונטערגעוואָרפן יאַסעקן דעם מילנער אונטער דער וואַסער־מיל. דאָס געוויסן האָט אים, וולאַדעקן, געפּלאָגט. האָט מען טאַקע זיין קערפּער געפונען אונטער די זעלבע וואַסער־מיל ווו נטעלע׳ס טאַטע, יוסף מילנער, איז אומגעקומען.

פאַר מורא און נקמה איז נטעלע פאַרשווונדן פון די דערפער און וועלדער און פעלדער. ער איז צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין צו זיין מאַמע. צומאָרגנס האָט דאָס שטעטל דערזען ווי נטעלע טראָגט ווידער אויף זיינע דאַרע פלייצעס די עמערס וואַסער. האָבן אים די קינדער אָנגעהויבן נאָכשרייען: „נטעלע, נטעלע אליה הנביא, פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען צום כוס פון מיין באָבע“.

נטעלען האָט דאָס שטאַרק געקרענקט. זיינע אויגן זיינען שטענדיק געווען פאַרוויינט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַן איינזאַמער, זיין מאַמע איז אים געשטאָרבן פון עגמת־נפש. איינמאָל אין אַ נעפּלדיקן פרימאָרגן איז ער אַוועק צום גלח׳ס טייך זיך טובל זיין, אָבער ער איז שוין מער פון וואַסער נישט אַרויס. נאָך עטלעכע טעג ליגן אין וואַסעראיז זיין קערפּער אַרויפגעשווומען אויפן אויבערפלאַך. דער גלח האָט געלאָזט וויסן די שטעטלדיקע יידן, אַז מען זעט עפּעס אַ טויטן קערפּער פון אַ יידן אַרומשווימען איבער זיין טייך. ווען די יידן זיינען געקומען זען דעם קערפּער האָבן אַלע אויסגעשריגן, אַז דאָס איז דער הייליקער וואַסער־טרעגער נטעלע. ס׳זיינען שוין פון דעמאָלט אָן אַרומגעגאַנגען אין שטעטל מעשיות און לעגענדעס וועגן נטעלע וואַסער־טרעגער אַלס אליהו הנביא און אַלס איינער פון די ל״ו צדיקים.

דער גלח האָט אַרומגעצוימט דעם טייך אַז קיינער זאָל שוין דאָרט אַהין נישט קומען. ווייבער זיינען שוין מער נישט געגאַנגען אַהין טובלען ערב־פּסח. דער רב פון שטעטל האָט באַפוילן אַז מען זאָל נטעלען קובר זיין נעבן אוהל פון הייליקן רבין.

* * *

ס׳זיינען פאַרגאַנגען יאָרן. אין שטעטל האָט מען שוין געהאַט פאַרגעסן וועגן די מעשיות און לעגענדעס פון נטעלע וואַסער־טרעגער. אָבער פּלוצלינג האָט פּאַסירט, אַז אַ דורכפאָרנדיקן פויער אין שטעטל האָט דאָס פערד צעבראָכן אַ פאָדקאָווע, און דאָס איז געווען פונקט ערב־פּסח. אין שטעטל האָט געוווינט אַ יידישער קאָוואַל, וועלוועל קאָוואַל, וואָס האָט געוווינט ביי די שול. דירעקט פאַרן סדר איז דער פויער אַריין צו וועלווועלן אָנקאָוון דאָס פערד. נאָך די מעשה מיט דעם פויער, האָט זיך אין שטעטל פאַרשפּרייט אַ נייע לעגענדע, אַז נטעלע וואַסער־טרעגער איז געווען ביי וועלוועל קאָוואַל צום סדר ערב־פּסח, פאַרשטעלט פאַר אַ פויער פון אַ דאָרף.

## װערט אַ מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“



א. נ. שטענצל

# ירושלים

(אַ „ליל־שימורים“־באַלאַדע)

קען ווער דען זיי איבערציילן אויבן,
די הימל־שטערן, מיליאָנען מילאַסן,
אַזוי די ליכט פון די פענסטער אַרויס — —
די הייליקע שטילקייט איבער די גאַסן.

פון טיר צו טיר גיי איך וועמענען נאָך,
סודותדיק פאַרשוויגן כ׳זע אים פאַרשווינדן;
ביי אַ וואַנט — ביי מיין איינגעהאַלטן האַרץ,
ווי זעעוודיקע פינגער פון אַ בלינדן.

ס׳פּאַלדלט דערטלית אַ שוואַרץ־געשטרייפטער,
איבער ווייסן קיטל טונקלט דער „סדן“;
גאַס אויס, גאַס איין און אומענדלעך אַזוי,
ממש איך טרעט אין יענעמס טיפע שליאַדן.

תהומיק־טיף, ממעמקימדיק־קניענדיק,
אַראָפּקרימען אין־סופיקע שטרעקן;
אויף שפּיץ־פינגער, וואַקלדיק נאַכט־וואַנדלעריש,
מיטן אין גאַנג זיך נישט איבערצוועקן.

שטאַרטשענדיק־שאַרף שטרעקן זיך די ראָגעס,
בלוי־פאַרזילבערט אין טונקלניש געהיימער;
פון אַ באַוועגט בלעטל אויף אַ צווייגל ווו,
וועקן זיך די פייגל אויף די שפּיץ־ביימער.

יעדעס ווינקעלע פליסטערט שטילינקע:
„טו מיך אַרויף אויף דיין האַרץ ווי אַ זיגל“;
שולמית פון איר ווייכן געלעגער,
גייט באָרפוס אַראָפּ אויפריגלען דעם ריגל.

צום לייכטן טאַנץ פון אירע גרינגע טריט,
קלינגען צו אַזוי גין־גאָלדן די שטערן;
מיט אירע צעקאַמטע שוואַרצע לאָקן
וועלן אַלע גאַסן פול באַלד ווערן —

— — — — — — — —

קאָן ווער דען זיי איבערציילן אויבן,
די הימל־שטערן, מיליאָנען מילאַסן,
אַזוי די ליכט פון די פענסטער אַרויס — —
מיין שריט איינגעהאַלטן, פאַרהוילן געלאַסן.

כ׳הער נישט דעם טראָט מער, כ׳זע נישט דאָס פּנים —
דעם שוועבנדיקן שאָטן בלויז פון הינטן!
איבער מיר עס שפּאַלטן זיך די הימלען,
אונטער מיר עפענען זיך די אָפּגרינטן.

די איינגעהאַלטנקייט, דאָס דערוואַרטן —
אָפּגעשטעלט פליגל מיטן אין שוועבן!
נאָך איין ראָג, איין פאַרהוילענע רגע,
אַן איינציק געסל און שוין כ׳בין דאַנעבן.

אין הונדערט טויערן קלאַפּט עס אין מיין האַרץ!
תפילהדיק מיינע טריט שעפּטשנדיקע טרעטן,
סודות־שאָרכנדיק, שטום פאַרשוויגן —
באַוועגנדיקע ליפּן, וואָס אָן ווערטער בעטן.

אין שלאָף וואָרקעט וויינענדיק אַ טויב אויף,
אין חורבה יהודה החסיד איינגעשלאָפן;
דאָס פידעלע פון דוד המלך
וואַרט אויף אויפגעוואַכטן ווינטל פון צפון.

טריפט דער טוי שוין איבער מיינע אויגן?
צוגעפאַלן צו דער וואַנט מיט מיין שטערן?
פולע מיט ליכט לייכטן מיינע בליקן,
וואָסער וווּנדער עס קאָנען נאָך אַלץ ווערן —
— — — — — — — — —

קאָן ווער דען זיי איבערציילן אויבן,
די הימל־שטערן, מיליאָנען מילאַסן,
אַזוי די סודות די ווונדערלעכע — —
שוין אויפן שליאַד און קוים זיי צו דערפאַסן!

„עומדות היו רגלינו בשעריך״!
ס׳טאַנצן מיינע טריט אויף מירמלשטיין שטיגן,
אויף יעקב אבינוס חלום־לייטער,
מלאכים־ניגון מיין געזאַנג־גאַנג פאַרוויגן — — —

ווייס־איבערגעדעקטע, פריש־געגרייטע,
לייכטן גלאַט־פעכלדיק די פלאַכע דעכער;
עס ציטערט די לבנה איבער זיי —
אליהו הנביא טרינקט פונם בעכער.

העכער אַלץ העכער הויבט זיך די געשטאַלט,
און דער גאַנג אַלץ טיפערער אין דער נידער:



„דאָס מעסער איז געשאַרפט, דאָס פייער גרייט
וואַרט, ווידער באַווייזן ס׳וועט זיך דער ווידער״.

אַ ווידער־קול צעוויגט זיך ווי לייכט ווינטל
צעקלינגען מיט גאָלד־געשיט פון די שטערן:
„אַז ווידער אויסדערווילט דו געוואָרן,
די גאַנצע וועלט אַ דערלייזטע זאָל ווערן״ —
— — — — — — — — —

קאָן ווער דען זיי איבערציילן אויבן,
די הימל־שטערן, מיליאָנען מילאַסן
אַזוי די שטיינער פון די בערג אַראָפּ — —
בריליאַנטן אין גין־גאָלד זיי איינצופאַסן.

טעראַסן איבער טעראַסן בלייכן
בליציק צעבלאַנקט מיט בנינים אויבן;
עס דרייט זיך אַ שטעג פון אָפּגרונט אַרויס,
ביז טיף אין הימל אַריין הויך דערהויבן.

הונדערט טויערן פראַלט אויף אין מיין האַרץ,
מיט געבראַזג פאַלן אַראָפּ אַלע שלעסער;
דער הימל איבער ירושלים —
גאָטס אויג פול גנאָד ווערט בלויער אַלץ און גרעסער.

נישט פון מאָרגן־טוי איז באַנעצט מיין קאָפּ —
פון גאָטס אויגן די טריפנדיקע טרערן!
דאָס וואָרקע־געוויין פון דער מערב־וואַנט
אויף קיין איין רגע עס וויל נישט אויפהערן —
— — — — — — — — —

קאָן ווער דען איבערציילן אויבן,
די הימל שטערן, מיליאָנען מיליאַסן?
ערשט דאָס סודותדיקע אויסדערציילן,
ווען זיי לעשן זיך, בלוילעך צו פאַרבלאַסן —

שולמית פּנים ווען עס רויטלט זיך,
שעמענדיק דעם געליבטן צו געפינען,
אַזוי דער אויפגייענדיקער הימל,
איבער ירושלים אין באַגינען.

גלייך אַזוי שפּילט מיגניענדיק נעפּעלע,
פון איר חן־גריבעלע אַרויף צום שטערן,
אַלבאַסטער־בלייך, רויזיק־דורכשיינענדיק — —
בלויער און ברייטער שאַריען צו ווערן.

כ׳הער נישט דעם טראָט מער, כ׳זע נישט דאָס פּנים —
דעם שוועבנדיקן שאָטן בלויז פון הינטן!
איבער מיר עס שפּאַלטן זיך די הימלען,
אונטער מיר עפענען זיך די אָפּגרינטן.

די איינגעהאַלטנקייט, דאָס דערוואַרטן —
אָפּגעשטעלט פליגל מיטן אין שוועבן!
נאָך איין ראָג, איין פאַרהוילענע רגע,
אַן איינציק געסל און שוין כ׳בין דאַנעבן.

אין הונדערט טויערן קלאַפּט עס אין מיין האַרץ!
תפילהדיק מיינע טריט שעפּטשנדיקע טרעטן,
סודות־שאָרכנדיק, שטום פאַרשוויגן —
באַוועגנדיקע ליפּן, וואָס אָן ווערטער בעטן.

אין שלאָף וואָרקעט וויינענדיק אַ טויב אויף,
אין חורבה יהודה החסיד איינגעשלאָפן;
דאָס פידעלע פון דוד המלך
וואַרט אויף אויפגעוואַכטן ווינטל פון צפון.

טריפט דער טוי שוין איבער מיינע אויגן?
צוגעפאַלן צו דער וואַנט מיט מיין שטערן?
פולע מיט ליכט לייכטן מיינע בליקן,
וואָסער וואונדער עס קאָנען נאָך אַלץ ווערן —
— — — — — — — —

קאָן ווער דען זיי איבערציילן אויבן,
די הימל־שטערן, מיליאָנען מילאַסן,
אַזוי די סודות די וואונדערלעכע — —
שוין אויפן שליאַד און קוים זיי צו דערפאַסן!

„עומדות היו רגלינו בשעריך״!
ס׳טאַנצן מיינע טריט אויף מירמלשטיין שטיגן,
אויף יעקב אבינוס חלום־לייטער,
מלאכים־ניגון מיין געזאַנג־גאַנג פאַרוויגן — — —

ווייס־איבערגעדעקטע, פריש־געגרייטע,
לייכטן גלאַט־פּעכלדיק די פלאַכע דעכער;
עס ציטערט די לבנה איבער זיי —
אליהו הנביא טרינקט פונם בעכער.

העכער אַלץ העכער הויבט זיך די געשטאַלט,
און דער גאַנג אַלץ טיפערער אין דער נידער:



„דאָס מעסער איז געשאַרפט, דאָס פייער גרייט
וואַרט, ווידער באַווייזן ס׳וועט זיך דער ווידער״.

אַ ווידער־קול צעוויגט זיך ווי לייכט ווינטל
צעקלינגען מיט גאָלד־געשיט פון די שטערן:
„אַז ווידער אויסדערוויילט דו געוואָרן,
די גאַנצע וועלט אַ דערלייזטע זאָל ווערן״ —
— — — — — — — —

קאָן ווער דען זיי איבערציילן אויבן,
די הימל־שטערן, מיליאָנען מילאַסן
אַזוי די שטיינער פון די בערג אַראָפּ — —
בריליאַנטן אין גין־גאָלד זיי איינצופאַסן.

טעראַסן איבער טעראַסן בלייכן
בליציק צעבלאַנקט מיט בנינים אויבן;
עס דרייט זיך אַ שטעג פון אָפּגרונט אַרויס,
ביז טיף אין הימל אַריין הויך דערהויבן.

הונדערט טויערן פראַלט אויף אין מיין האַרץ,
מיט געבראַזג פאַלן אַראָפּ אַלע שלעסער;
דער הימל איבער ירושלים —
גאָטס אויג פול גנאָד ווערט בלויער אַלץ און גרעסער.

נישט פון מאָרגן־טוי איז באַנעצט מיין קאָפּ —
פון גאָטס אויגן די טריפנדיקע טרערן!
דאָס וואָרקע־געוויין פון דער מערב־וואַנט
אויף קיין איין רגע עס וויל נישט אויפהערן —
— — — — — — — —

קאָן ווער דען איבערציילן אויבן,
די הימל שטערן, מיליאָנען מיליאַסן?
ערשט דאָס סודותדיקע אויסדערציילן,
ווען זיי לעשן זיך, בלוילעך צו פאַרבלאַסן —

שולמית פּנים ווען עס רויטלט זיך,
שעמענדיק דעם געליבטן צו געפינען,
אַזוי דער אויפגייענדיקער הימל,
איבער ירושלים אין באַגינען.

גלייך אַזוי שפּילט מיגניענדיק נעפּעלע,
פון איר חן־גריבעלע אַרויף צום שטערן,
אַלבאַסטער־בלייך, רויזיק־דורכשיינענדיק — —
בלויער און ברייטער שאַריען צו ווערן.

## ל. ש. קרעדיטאָר

# דער פרוי׳ס ראָלע פסח

מיר ווייסן אַלע, אַז אינם זכות פון די „נשים צדקניות“ זיינען מיר אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים.

נאָר אַ קליינינקייט! דאָס הייסט, אייגנטלעך, אַז מיר האָבן זיי צו פאַרדאַנקען אונזער פרייהייט, אונזער עקזיסטענץ און אונזער קיום אַלס אַ פאָלק.

און, אפשר, ווען נישט אָט די נשים צדקניות וואָלטן מיר נאָך געשקלאָפט אין מצרים, אויב נישט ביי די מצריים, איז ביי אַן אַנדערער אומה, אָבער מיר וואָלטן נישט געווען דאָס וואָס מיר זיינען.

אויב אַזוי האָבן מיר, מאַנסביל, גאָר קיין פאַרדינסטן נישט אין שייכות צום פסח, און דער יום־טוב איז אַ ריין ווייבערשער יום־טוב, און אַ חידוש, אַז מען האָט אים נישט אַ נאָמען געגעבן נאָך איינע פון די נשים צדקניות?

די פראַגע פרעג איך גאַנץ ערנסט, ווייל עס איז אַ צו שווערע באַליידיקונג קעגן די מענער. נישט בלויז זיינען מיר, מענער, נישט געווען די איניציאַטאָרס פון אונזער פרייהייט, נאָר מיר מענער זיינען נאָך אַזוי ברוטאַל אָפּצורויבן פון זיי דעם נאָמען, וואָס פסח דאַרף טראָגן אַלס זכרון פון יענע נשים צדקניות.

און נאָך מער: —

דער תלמוד דערציילט אונז „וילך איש מבית לוי“ — ווו איז אָט דער עמרם געגאַנגען? ער איז געגאַנגען גט׳ן זיין ווייב יוכבד, ווייל קוים איז די גזירה פון „כל הבן הילוד“ אַרויסגעגעבן געוואָרן, האָט עמרם מער קיין קינדער נישט געוואָלט האָבן.

איז אָבער זיין טאָכטער מרים צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל זי נישט גט׳ן, אַז ער זאָל נישט אַוועק פון דער מאַמען, און ער האָט זי געפאָלגט, און דער טאַטע האָט צוריק דער מאַמען גענומען און באַלד טאַקע האָט יוכבד גענומען שוואַנגערן משה׳ן.

הייסט עס, אַז ווען נישט מרים וואָלטן מיר קיין משה׳ן נישט געהאַט.

ווידער אַלע פאַרדינסטן קומט דער פרוי, און די קשיא ווערט שטאַרקער און אַ געפיל פון קנאה דערוועקט זיך ביי פיל מענער.

לאָמיר זיך פרובירן פאַרענטפערן די האַרבע קשיא און אויך אַוועקשטעלן די מענער אויף אַ חשובן פלאַץ. לאָמיר נישט דענקען, אַז טאַקע אַלץ קומט דער פרוי און אונז מענער גאָרנישט.

מיר געבן צו, אַז אין צייט פון געפאַר איז די פרוי, אָפּטמאָל, מער העלדיש ווי דער מאַן.

די חכמים האָבן אונז געזאָגט, אַז „אשה כלי זיינה עליה“ — אַ פרוי האָט זיך מיט וואָס צו פאַרטיידיקן מער ווי דער מאַן, און מעגלעך, אַז דאָס גיט איר מער מוט, מער שטאָלץ און מער מסירות נפש.

און דערפאַר האָבן זיך טאַקע געפונען אַזעלכע נשים צדקניות, וואָס נישט אַכטענדיק די גזירה פון פרעה׳ן האָבן זיי געדינט דאָס פאָלק, ותחיינה את הילדים.



אָבער זיי האָבן צו דער גרויסער מעלה אויך אַ גרויסן חסרון. זיי זיינען נישט שטאַרק גענוג אויפצוהאַלטן און אויסצוהאַלטן אַן אידעע און צו דערפירן זי ביזן סוף.

זיי האָבן ווייניקער געדולד ווי דער מאַן, זיי האָבן ווייניקער געשטעלטקייט, און דאָס האָבן זיי באַוויזן באַלד מיטן „עגל“.

מעגלעך, אַז דערפאַר האָבן זיי פאַרשפילט דעם נאָמען, וואָס פסח הייסט נישט נאָך זיי. זיי האָבן מיט איין מאָל געקענט פאַרניכטן דאָס וואָס זיי אַליין האָבן אויפגעטון.

און דערמיט פאַרענטפערט זיך אויך די פראַגע: פאַרוואָס האָט יציאת־מצרים באַדאַרפט געשען דווקא דורך אַ מאַן, משה, און נישט דורך אַ פרוי, לאָמיר זאָגן אַזאַ פרוי ווי מרים?

ווייל דורכפירן אַזאַ שטיקל אַרבעט מוז מען האָבן געוואַלטיקן אייזערנעם געדולד, און אַזאַ געדולד האָט נישט אַזוי פיל אַ פרוי ווי אַ מאַן.

די גרויסע מרים וואָלט נישט דערטראָגן די באַליידיקונג פון פרעה׳ן און אפילו אויך נישט די באַליידיקונג פון אונזערע אייגענע יידן. דאָס האָט געקענט איר ברודער משה. און דערפאַר האָבן מיר מענער אויך נישט קיין קליינעם טייל אין דער גאולה פון מצרים.

און אַז אפילו די גרויסע מרים האָט קיין געדולד נישט געהאַט קען אונז דינען דער פאַקט, אַז זי האָט נישט געקענט דערטראָגן, וואָס איר ברודער האָט געטון אַ שידוך מיט דער מצרית און האָט באַלד אים באַרעדט פאַרן עלטערן ברודער אהרן און איז דערפאַר שטאַרק באַשטראָפט געוואָרן מיט „צרעת כשלג“.

פאָלגליך לערנען מיר פון דעם אַלעם גאָר עפּעס אַנדערש:

מיר לערנען דערפון די גרויסע יידישע מידה פון סבלנות, פון געדולד, פון וואַרטן, ווען אפילו דער חלף ליגט אויפן האַלז.

משה איז דער סימבאָל פון טאָלעראַנץ, פון ליידן אָן אויפהער, פון פאָרטזעצן אַזוי לאַנג די עקזיסטענץ ביז די גאולה מוז קומען.

אמת, די איניציאַטאָרן פון דער גאולה, דער מקור און אפשר דער אָנהויב זיינען געווען אונזערע פרויען, אָבער די פאָרטזעצונג און אויסהאַלטונג און נישט ענדערונג אין אויסערגעווענלעכע ליידן זיינען די מענער מער העלדן ווי די פרויען.

אָנהויבער פון אונזער איצטיקער גאולה, איניציאַטאָרן זיינען שוין פילע געווען, אָבער די פאָרטזעצונג, דאָס אָנהאַלטן דעם פאָדים און דערציען אים ביזן סוף זיינען פאַראַן ווייניקע.

מיר לערנען אויך דערפון, אַז די אַרבעט פון אַ פאָלק מוז געטון ווערן פון ביידע געשלעכטן. איין געשלעכט טאָר נישט שטערן נאָר מוז העלפן מיט אַלץ וואָס מעגלעך, דאַן קענען מיר קומען צו אונזער אמתער גאולה.

די פאַרדינסטן פון דער פרוי אין דער ערשטער גאולה זיינען זער גרויסע, און דאָס דערוואַרטן מיר אויך פון דער פרוי אין דער איצטיקער דערלייזונג.

און אין אַלע צייטן האָבן מיר געהאַט די יידישע פרוי מיט זיך, נישט גראָד

פּסח. דאַכט זיך, אַז כמעט יעדער יידישער יום־טוב איז פאַרבונדן מיט אַ נאָמען פון אַ יידישער פרוי. שוין אָפּגערעדט פון פּורים, נאָר אויך חנוכּה אַ יהודית, שבועות אַ רות, ראש השנה די ענטבינדונג פון אונזערע אמהות, ווי דער מדרש זאָגט אונז, און דאָס זעלבע דערוואַרטן מיר צום גרויסן יום־טוב, דער יום־טוב פון דער געגענווערטיקער גאולה, אַז עס זאָל פאַרבינדן זיי מיט דעם נאָמען פון אונזערע יידישע פרויען אַזוי ווי פּסח.

---

בן־א. סאָכאַטשעווסקי

## ג ע ו ו י ס ן

וואָס איז פרייהייט, ווען געקאָוועט
האָט דאָס לעבן מיך אין קייטן,
וואָס איז פרייהייט, ווען געוויסן
גייט מיר נאָך אין אַלע צייטן.

וויל איך טרינקען, שיכּור ווערן,
אין מאָראַל און פליכט פאַרגעסן,
שטעלט זיך אין מיין וועג געוויסן,
וואָס איז שטענדיק מיך באַזעסן.

אַזוי תּמיד, פון מיין יוגנט,
פון די יונגליש־שענסטע יאָרן,
איז געוויסן נאָכגעגאַנגען,
וווּ איך בין געווען, געפאָרן.

ווי אַ שקלאַף בין איך געוועזן,
קיינמאָל גאָרנישט צו געניסן,
נישט קיין שקלאַף אַ מענטש צו דינען,
נאָר אַ שקלאַף צו מיין געוויסן.

ערגעץ האָט אַ קול גערופן
מיט אַ כּישוף־וויכן ניגון,
אָרעמס אויסגעשטרעקטע גרייטע
מיך אין גלוסטונג צו פאַרוויגן.

נאָר אַ שאָטן אַ באַקאַנטער
האָט מיט מאַכט מיך אָפּגעריסן,
יענער שאָטן, וואָס גייט נאָך מיר —
מיין באַהערשער, דאָס געוויסן.

וואָס איז פרייהייט, וואָס איז פרייהייט,
דער באַגריף וואָס רופט צו פריידן,
ווען איך קען מיך פון געוויסן
קיינמאָל, קיינמאָל נישט צעשיידן.



מ. אַלמאַן (מאַנטשעסטער)

## אין געוועב פון יחוס

כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרטיפט אין מיין גענעאָלאָגיע, כדי אויסצוגעפינען דעם „יחוס" פון מיין עלטער־עלטער־זיידן. ס׳איז מיר נישט נויטיק געווען אין מיין יוגנט און נאָך מער נישט, ווען כ׳בין צום שכל געקומען און אָנגעהויבן צו שאַצן מענטשן לויט זייער פערזענלעכן ווערט.

פונדעסטוועגן זע איך ערשט, אַז איך האָב אַ קליינעם טעות געהאַט. אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט גיט מען דיר אָנצוהערן זאָלסט זיך פאָרשטעלן מיט דיין . . . עלטער־זיידן.

אויב אויף איין זייט וועלט ווערט פאַר יחוס פאַררעכנט אַ זיידע אַ רב, אָדער אַ טאַטע אַ מורה הוראה, ווערט אויף דער צווייטער זייט וועלט דערהויבן צום יחוס אַ זיידע אַ פאַסטעך, אָדער אַ באַטראַק (באַדינער).

פרוווט נעמען דעם ערשטן בעסטן זשורנאַל פאַר ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען. אויב איר וועט אין אים געפינען אַן אָפּגעדרוקטע ביאָגראַפיע, אָדער ביאָגראַפישע סקיצע פון אַ שרייבער, וועט איר גלייך זען, אַז צו דער רייכקייט פון זיין שאַפונג צו טאַלאַנט האָט אויך בייגעטראָגן פיל זיין יחוס־אָפּשטאַמונג...

דאָס נעמלעכע לאָזט זיך זאָגן ווען מען פרוווט פאַרגרעסערן די ווערט פון אַ רעוואָלוציאָנער, אויסגעפינענדיק אין זיין ביאָגראַפיע, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ מורה הוראה.

ס׳איז שווער צו באַגרייפן ווען מען עס ברענגט נוצן אַזאַ גריבלען זיך אין דער גענעאָלאָגיע פון אַ שרייבער, כדי אונטערצושטרייכן זיין רבנישע אָפּשטאַמונג. ווייל אויב זיין שאַפונג איז שלעכט, וועט ער עס דאָך נישט קענען באַצירן מיטן זיידנ׳ס געבלימלטן שלאָפראָק.

אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז איינגעפירט, אַז ביים אָנגעבן אַ ביטע וועגן אַרבעט דאַרף מען ביילייגן אַן איינגנהענטיק אָנגעשריבענע ביאָגראַפיע.

גאָר פרעמד האָב איך זיך געפילט, ווען ס׳איז מיר צום ערשטן מאָל אויסגעקומען צו שרייבן פאַר דער סאָוויעט מאַכט מיין ביאָגראַפיע — פון אַ פשוטן בשר ודם.

דאָס איז געווען סוף 1939 אין אַ פּוילישער שטאָט לוצק, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון דער רויטער אַרמיי. אין דער ביאָגראַפיע האָט מען באַדאַרפט לייגן דעם טראָפּ אויף דער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג. כ׳האָב זיך דאַמאָלט געטראַכט : דאַנקען גאָט, וואָס אין מיין משפחה געפינען זיך בלויז . . . באַלמעלאָכעס.

די יידישע שול, אין וועלכער איך בין אָנגעקומען אַרבעטן, איז פריער געווען דעם רב סאָראָטשקינס חדר פאַר ייִנגלעך. דער שול־דירעקטאָר איז געווען דער פריערדיקער מנהל פון חדר, רב לייזער לאַנדע.

דער דאָזיקער ייד האָט תּיכף איבערגענומען דעם סאָוויעט שניט און געוואָרן דער פאַרטרויונגס־מאַן פון דער שול־מאַכט.

איינמאָל איז אים איינגעפאַלן מיך צו פרעגן וועגן מיין סאָציאַלער אָפּשטאַ־

מונג און ענטפערנדיק אים, אַז פון באַלמעלאָכעס, האָט ער גלייך — זייענדיק וואַרשיינלעך געווינט צו שאַצן נידעריק שוסטערס און שניידערס — אפילו איצטער פאַרקלענערט מיר די ווערט פון מיין יחוס דורך צוגעבן זיין באַמער־קונג: אַ קוסטאַר!...

אין אָנהויב פלעג איך מיין ביאָגראַפיע צונויפשטעלן פון אויסווייניק, אָבער אַזוי ווי יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט מען געפאָדערט נייע ביאָגראַפיעס, האָב איך זיך שוין צוגעגרייט אַ קאָפּיע, און ס׳איז שוין שפּעטער געגאַנגען ווי געשמירט.

איינמאָל, ס׳איז שוין געווען לאַנג נאָך דער אַמנעסטיע פאַר פּוילישע בירגער. איך האָב געווינט אין טאָמסק (סיביר). ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע כוואַליע פון אַרעסטן צווישן פּוילישע בירגער. כ׳האָב געשפּירט שוין אַן ענגשאַפט אַרום זיך. געריכט זיך, אַז מיין ריי קומט. אין יענעם מאָמענט האָט מיך מיין באַלעבאָסטע, ביי וועלכער כ׳האָב געווינט, אַ רוסיש־יידישע פרוי, אַן אַקטיווע קאָמוניסטקע, אין מיטן דרינען אַ פרעג געטון: אמת, איר שטאַמט פון באַלעגאַלעס?

שפּעטער האָבאיך נישט איין מאָל זיך געטראַכט, אַז מעגלעך מיין „יחוס" האָט מיך דאַמאָלט געראַטעוועט פון אַרעסט. זכות אבות...

דאַקעגן אין ענגלאַנד טויג שוין מיין „סאָוויעט ביאָגראַפיע" אויף טויזנט כפּרות...

דאָ וואָלטן אַלע געוואָלט, אַז כ׳זאָל האָבן געווען אין פּוילן צום ווינציקסטן כאָטש אַ חזן אָדער שוחט. און אויב נישט איך אַליין, זאָל דער פאָטער אָדער זיידע האָבן געהערט צו די כלי־קודש...

קיין סתם יידן זענען דאָך אין פּוילן נישט געווען!

וואַרשיינלעך זענען אויפן ענלעכן „ענגלישן וועג" אַרויף די ליטעראַרישע זשורנאַלן. שאַפט זיך אַזוי אַרום אַ ווונדערלעכער פּאַראַדאָקס, ווען וועלטלעכקייט ווערט פאַרשלייערט אין אַן „אײדעלן" געוועב פון רבנישן יחוס.

---

## דער באשלוס פון „פריינט פון יידיש לשון" מכוח די דייטשע רעפּעראַציע געלד

די לאָנדאָנער קולטור־אָרגאַניזאַציע „פריינט פון יידיש לשון" האָט אויף אַן עקסטרע דרינגענד־צוזאַמענגערופענער קאָמיטעט־זיצונג, דעם 17־טן מערץ 1954, מיט אַ גאָר־גרויסער מערהייט, ביי דער אָפּשטימונג, באַשלאָסן: קיין שום מגע־משא נישט צו האָבן מיטן „רעפּעראַציע־פאָנד", נישט אָנצונעמען פון איר קיין שום סובסידיעס און צוריקווייזן יעדן איר אָנגעוויזענעם אָנגעבאָט.

פאָרזיצער: א. נ. שטענצל,

סעקרעטאַר: מ. בעקערמאַן.

---



יוסף פערלשטיין

## צ אָ ל ו נ ג ע ן

ווי צו מיר, ווען דאַרף איך מער נאָך איבערצייגן?
מעג מיין האַרץ פאַרברענט ווערן צען מאָל איצט ווי אַ קויל;
אַז זיי שווייגן דאָרט אין קבר, מוז איך, ווי מיר, אויכעט שווייגן,
און אַז עס שווייגט די ערד, טאָ ווי קען איך עפענען דאָס מויל!? — — —

שטום איך ווי אַ שטיין, און ס׳בלייבט מיין וווּנד בלויז וויסטיק־אָפן,
און ס׳ווערט דאָס האַרץ נאָך מער געשוואָלן, אָנגעדראָלט:
איצט האָב איך שוין נישט מער דאָך וואָס צו מאָנען, האָפן —
מעפיסטאָ האָט פאַר אַלע מיינע ווונדן שוין באַצאָלט! — — —

אַ מאַרקע — פאַר אַ ווונד! צוויי שפּער־מאַרקן—פאַר טאַטע־מאַמען!
אַ טראַנספּאָרט מיט גרויע שלומפן — פאַר קינדער אַ טראַנספּאָרט!
אַ שיף מיט אַלטע גראַטעס — פאַר בלוט און טרערן ים׳ען,
און פאַר די שוועסטער־ברידער — קלימפּעס ערשטער סאָרט! — — —

שווימען שיפן, ווי אַקולעס, און קומען־אָן צו מיינע ברעגן,
און ברענגען־מיט אַ קללה׳דיקן גרוס פון יענער, קאַלטער וועלט:
און מאָנען ביי מיין איך עפּעס, און פרעגן, פרעגן, פרעגן
פאַרוואָס כ׳האָב רויטן בלוט געטוישט אויף שוואַרצן געלט — — —

טאָ וווּ נעמט מען פאַרענטפערונג, אפן וואָס כ׳זאָל זיי, די שאָטנס, זאָגן? —
אַז כ׳האָב דאָ מיין ברודער לייבלעכן נישט איבערצייגט?????
נעמען פראַגע־צייכנס — גרויע פּיאַווקעס — האַרצן מיינעם נאָגן,
פאַרקריצט אַ צאָן זיך, און אַ ליפּ פאַרבייסט ביז בלוט און שווייגט — — —

גיי! גיי דערצייל די ווינטן וועגן ווייטן, בייזן צפון,
אַז כ׳קען היינט גליקלעך שטראַלן, ווי אַ מלך, אויבנאָן! —
האָב איך דאָך אַ באָרוועס־נאַקעטער פון גיהנום קוים מיט זעל אַנטלאָפן,
אַז קומען אַ צעזעליקטער כ׳זאָל קריק דורך גיהנום׳ס באַן? — — —

אָטאַזוי! אַ שפּיי געטון אויף אַלץ, אויף שלעפּערס און געשמיסענע בטלנים,
און נאָכגעגאַנגען די לויה מיט אַ ברענענדיקן קוש די רוט;
און אָנגעשפּיגן זיך זעלבסט אין אומפאַרשעמט־פאַרשוואַרצטן פנים,
מעג זיין דער שפּיי א טרער, אָדער אַ טראָפּ פון אייגן בלוט — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי צו מיר, ווען דאַרף איך מער נאָך איבערצייגן?
מעג מיין האַרץ פאַרברענט ווערן צען מאָל איצט ווי אַ קויל;
אַז זיי שווייגן דאָרט אין קבר, מוז איך, ווי מיר, אויכעט שווייגן,
און אַז עס שווייגט די ערד, טאָ ווי קען איך עפענען דאָס מויל!? — — —

ישראל, בני־ברק, 1954.

## האַרי פינקלשטיין

## ירושלים — 1905

פון אשדוד רייט איך צוריק נאָך נענה, די באַן־סטאַנציע פון עקרון, און פאָר אָפּ נאָך ירושלים. קוים הויבט אָן די באַן צו גיין הער איך ווי מען פייפט. די באַן בלייבט שטיין אין אַ פעלד, און אַלע מאַכמעדאַנער גייען אַרויס פון די וואַגאָנעס מתפלל צו זיין. זיי ווילן נישט דאַוונען מיט אומגלויביקע אין די וואַגאָנעס.

ביי דער לעצטער סטאַנציע פאַר ירושלים, בתיר, טראָגט מען אַריין אַ גריך, אַ קריסט, אַ גוסס, ווייל ער וויל שטאַרבן אין ירושלים.

אין ירושלים שטעל איך מיך אָפּ אין אַמדורסקיס האָטעל אין די אַלטע שטאָט נעבן די חומה. איצט געהערט עס צו ירדן. אין בוכאַרער קוואַרטאַל האָבן געוווינט רייכע יידן פון בוכאַרא (דאָס איצטיקע קאַזאַקסטאַן פון סאָוויעט). די פירענדע פערזענלעכקייטן זיינען דאַן געווען: דער חכם־באַשו (רב הראשי) פון דער עלישאַר פאַמיליע; רבי סאַלאַנט פון די אשכנזים; דוד יעלין און בן־יהודה, דער רעדאַקטאָר פון די „השקפה״. מען האָט אויך אָפּט געהערט פון אַנטעבו, דירעקטאָר פון די אַליאַנס שולן און מיס לאַנדוי, דירעקטאָר פון ראָטשילדס מיידל שולע. טראָץ איר אָרעמקייט האָט ירושלים אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, באַזונדערס די אומגעגנט מיט אירע בערג ווי הר־הצופים (טור מלכה), הר־הזיתים און דער וועג נאָך בית־לחם. צוערשט באַזוך איך דעם כותל מערבי, וווּ איך געפין יידן פון דער גאַנצער וועלט. מאַנכע דאַוונען און מאַנכע בעטן נדבות.

צוריקגייענדיק פון „כותל״ גיי איך אַריין אין אַן אַלטער שול. איך גלויב דאָס איז געווען די „חורבה דרבי יהודה החסיד״. עס דערמאָנט מיך שטאַרק אין די ווילנער שטאָט שול.

איך באַזוך דאַן דעם בירגערמייסטער פון ירושלים. ער איז געווען אַ טערק, פעדי עפענדי, וועמען איך האָב געקענט פון פרוי הילפערנס הויז אין יפו. ער שלאָגט מיר פאָר, איך זאָל באַזוכן די אָמאַר מאָסק. און פאַר 3/9 שיקט ער אַ טערקישן סאָלדאַט מיט מיר. דאָס איז דער פלאַץ פון בית המקדש וווּ דער ארון איז געשטאַנען.

ווי איך גיי אַרויף די טרעפּן צו די מאָשעע, זע איך ווי עס ליגן טויזנטער פילגרימס פון דער גאַנצער וועלט, אינדיער, טאַטאַרן פון קרים און אַראַבער פון אַפריקע און וואַרטן אויף דעם מועזין (מאַכמעדאַנער חזן), ער זאָל זיי רופן צום דאַוונען. דער סאָלדאַט פירט מיך דורך די רייען פון די פילגרימס, הייסט מיך אַראָפּנעמען די שיך, און פירט מיך צו צו די אָמאַר מאָסק, וווּ דער מופטי פירט מיך אַריין. דער מופטי ווייזט מיר דעם געוואַלטיקן פעלזן (אבן שתיה) אויף וועלכן דער ארון איז געשטאַנען. דער דאָזיקער געוואַלטיקער שטיין איז איינגעפאַסט אין אַ נאָך גרעסערן גאָלדענעם ראָם. אונטן איז אַ הייל און פון די הייל — זאָגט דער מופטי — איז מאַכמעד אויף זיין פערד בוראַק אַרויף אויפן הימל.

מיר גייען אויך צו די אַקסאַ מאָסק, וווּ אַבדולאַ, קעניג פון ירדן, איז נישט



לאַנג צוריק דערמאָרדעט געוואָרן. די טירן פון די אַקסאַ מאָסק איז אַ וווּנדערבאַרע שטיקל אַרבעט, געהאַקט אין מאַרמאָר. אונטער די ביידע מאָסקס באַזוכן מיר די „ארות שלמה״ — געוואַלטיקע היילן מיט שטיינערנע זיילן, וואָס ציען זיך פאַר אַ לאַנגע שטרעקע אונטער ירושלים. דאָרטן ווייזט מיר אויך דער מופטי אַ שטיינערנע וויג. ער זאָגט דאָס מרים (מערי) פלעגט לאָזן יעזוסן אין די וויג, ווען זי פלעגט באַזוכן דעם בית המקדש.

פרייטיק אָוונט באַזוך איך בן יהודא, דאָס אַרויסגעבער פון „מלון״. איך פאַרברענג מיט אים און זיין פ ר ו י חמדה אַ הערלעכן שבת און שבת אָוונט רייט איך אַרויס אויף אַן אייזל נאָך שכם (נאַבלוס) מיט דעם אַראַבישן אייגנטימער פון אייזל אַלס מיטלויפער און וועגווייזער. אין ירושלים האָט ער מיר געזאָגט דאָס ער איז אַ מאַכמעדאַנער. ווי מיר פאַנגען אָן אַרויפצוגיין אויף די בערג זע איך ווי ער פאַלט אויף דער ערד און צלמט זיך. ער האָט מורא געהאַט אין ירושלים צו זאָגן די אַנדערע אייזל־טרייבער דאָס ער איז אַ נוצרי. מיר איילן זיך כדי צו בלייבן נאַכט אין גבע (גבעת בנימין). פון ירושלים אָן זעט מען נאָר אַראַבער, נישט קיין יידן. דער בירגערמייסטער פון ירושלים האָט מיר געגעבן אַ רעוואָלווער און געהייסן אים טראָגן אויף אַ לעדערנעם גאַרטל איבער מיינע קליידער, אַזוי אַז די אַראַבער זאָלן עס זעען...

---

## רבקה קאפּע (פּאַריז)

### ו ו אָ ג ש אָ ל

ס'איז אַ וואָגשאָל מיין געמיט.

ווען ס'שטייגט די וואָגשאָל,
ווער איך ווייסער פאַקל,
**אָפּגלאַנץ פון דער זון, פון מיין געמיט.**
איך גיי אַרויס פון חלום־שטויב
און הימלדיק פאַרהויב איך מיך
פון חלום־טורעם, צו דער וואָר,
אַז איינגעשרומפּן קליין,
**ווערט די ערד אַנטקייגן מיר!**

**פאַלט די וואָגשאָל — מיין געמיט.**

פאַל איך, ווי אַ משא צו דער ערד,
שוואַרץ, סוף־חודשדיק;
שוואַרצע ווענט וואַקסן איבער מיר
און דריקן אין מיין פּיצל וועלטל
אַלע ספקותען אַריין.
ס'רייט איבער מיר די נאַכט געשפּאַנט אין ווינט
און ס'קלאָגט אין מיין הוילקייט,
אַ געשלאָגענער הונט...

# אליהו פּאַלושאַק
## אַ תפילה אין דער נאַכט
מיין ווייב גיטעלען אין אַ שווערער שעה.

איך בין געלעגן אין שטויב
אין דרייען געבויגן,
פאַרווייטיקט דאָס האַרץ
מיט אַ שטילן געוויין,
פאַרוואָלקנט מיין חוש,
די ליפּן פאַרזיגעלט,
אויף אַלע לשונות
אַ תפילה געשעפּטשעט
אין דיינעם, אין מיינעם און
אין נאָמען פון אונזער קינד:
„האָב רחמים, אַ גאָט,
דו אומבאַקאַנטער ווער,
אל תשליכנו, אל תשליכנו,
אַ, אל תשליכנו — ד׳!
שטיי איר ביי מיט דיין גנאָד
אינעם טאָג פון איר גרויסן נסיון
און ווענד אָפּ די גיפטיקע פיילן
פון פאַרניכטונג און סוף
אין דער שעה פון איר יום הדין.

„איך בעט נישט זכות אבות
פון טאַטעס און זיידעס,
וואָס האָבן געדינט דיר
מיט יראה און כבוד,
איר אייגענער זכות
דאַרף איר ביישטיין אין צייטן,
דער זכות פון אַ מאַמע
פון אַ יידישן קינד.
מיליאָנען, מיליאָנען
זען׳ געגאַנגען צו דער שחיטה,
מיליאָנען, מיליאָנען
געטריבן צום טויט,
טאָ וואָס איז אַ מענטש שוין,
אַן איינצעלנער יחיד
אַקעגן די מחנות
פאַרגאַזט און פאַרברענט?
גאַנצע משפחות פאַרטיליקט,
פאַרשניטענע לעבענס,
פאַרשניטן אַ פאָלק!

„דו האָסט אונז פאַרשוינט
פון רוצחים פאַרטיליקער
אין צייט פון רדיפות,
פּאָגראָמען־קאָשמאַר,
און אויפגעשפּאַרט
האָסט אונז׳רע לעבענס
פון באָמבעס און שריפות
און גיהנומס אַ סך, —
נישט ווענד אָפּ דיין פּנים,
דיין חסד און רחמים
איצטער אינם טאָג
פון איר גרויסער געפאַר, —
אין איר אייגענעם זכות
פון גוטסקייט און ליבע,
האָב רחמים, אַ גאָט,
אל תשליכנו, אל תשליכנו,
אויף אַלע לשונות
כ׳טו תפילה צו דיר:
פאַמילו נאָס, אַ גאָספּאָדי,
אַ גאָספּאָדי פאַמילוי נאָס!

„און אינם טאָג דעם געבענטשטן,
ווען קומען צוריק זי וועט
אין איר אייגענער שטוב,
באַפרייט פון סכנה, וואָס
געלויערט אין איר פאַרפייניקטן גוף,
כ׳וועל ווידער מיך בוקן
אין דרייען געבויגן,
דער חוש נישט פאַרוואָלקנט,
מיט פריידיקן האַרצן
און שטילן געוויין,
כ׳וועל שעפּטשן אַ תפילה
און דאַנקן דיר,
דו אומבאַקאַנטער ווער:
האָב רחמים, אַ ווייטער,
דו גערעכטער,
אל תשליכנו, אל תשליכנו,
פאַרוואַרף אונז נישט, גאָט!

לאָנדאָן, 9־טן מערץ, 1954.



# יוסף הלל לעווי
## בערטאַ זינגערמאַן אין לאָנדאָן

זונטיק דעם 7־טן מערץ האָט אין לאָנדאָן דער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין זיך פאַרזאַמלט אין קלוב פון די פּויליש־יידישע קאָמבאַטאַנטן (71 קאַמפּין גאַרדענס) מקבל פּנים צו זיין די קעניגין פון יידישן וואָרט אין דרום־אַמעריקע וואָס שמט אַלס די גרעסטע וואָרט־קינסטלערין פון אונזער צייט.

דער פאַרזיצער פונם ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין א. מ. קייזער האָט זי מיט אַ פּאָר וואַרימע ווערטער באַגריסט און סקיצירט איר לעבנס־ביאָגראַפיע. דערנאָך האָט די קינסטלערין גענומען דאָס וואָרט און דערקלערט אַז זי „באַלאַנגט נישט צו די אַוועקגעגאַנגענע, אָדער צו די צוריקגעקומענע", מחמת זי איז קיינמאָל נישט אַוועקגעגאַנגען און דערפאַר נישט געדאַרפט צוריקקומען... אָבער מען האָט פאָרט געקענט דעם איינדרוק געווינען אַז זי געהערט נישט גאַנץ צו אונזער מחנה... ווען מיר האָבן געהערט אירע רעציטאַציעס.

מכוח איר קונסט קאָן מען מיט אַ גוטן געוויסן זאָגן, אַז די שפּאַנישע קריטיק האָט גאָרנישט מגזם געווען. זי געהערט בלי שום ספק צו די גרעסטע שפּאַנישע וואָרט־קינסטלער פון אונזער צייט. אָבער טאַקע צו די שפּאַנישע און לײדער ווייניקער צו די יידישע... יעדעס וואָרט וואָס גייט פון איר מויל אַרויס באַקומט פאַרב, קלאַנג, ריטמיק, סימעטריק, כוח און טעם. זי סוגעסטירט זיך פאַר יעדער רעציטאַציע אַליין, כדי זי זאָל אונז דערנאָך קאָנען סוגעסטירן און אַזוי איז עס טאַקע! יעדע פּאָעמע, יעדעס ליד, באַקומט ביי איר אַן אייגנאַרטיקן תיקון, מחמת זי טוט עס נאָכאַמאָל אויף איר אופן איבערשאַפן און געשטאַלטיקן.

אין ערשטן טייל האָט זי רעציטירט ביאַליקס באַרימטע ליד „דער הקדש־טאַנץ" און משה עובד׳ס ליד „יידיש־לשון". אינם צווייטן טייל זיינען צום וואָרט געקומען שפּאַנישע דיכטער.

צו רעדן איבער בערטאַ זינגערמאַנס רעציטאַציע־קונסט איז פאַראַן זער אַ סך. אָבער זאָל דאָ נאָר בקיצור באַמערקט ווערן, אַז דאָס אַלץ וואָס איבער איר איז געשריבן געוואָרן איז לחלוטין נישט קיין גוזמא. נאָר מ׳קאָן נאָך פיל מער מוסיף זיין.

און ווער עס האָט אַמאָל געהאַט די זכיה צו הערן די צוויי גרעסטע אַקטיאָרן רודאָלף שילדקרויט און אַלעקסאַנדער גראַנאַך, זכרונם לברכה, — און בערטאַ זינגערמאַן (צו לאַנגע יאָרן) דער האָט געקענט באַמערקן אַז זי האָט אין זיך כולל געווען ר. שילדקרויטס אימפּרעסיאָניזם, וועלכער האָט באַזירט אויף די גרעסטע מענטשלעכע טראַגיק פאַרוויקלט מיט אַלע געוואַלטן פון גורל צו קאָנען אין זיך אַריינשפּילן מיט דער טיפסטער רו... די גרעסטע אומרו. זיין באַרימטער „שיילאָק־מאָנאָלאָג" האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ ווייטער בת־קול פון אַן אַלטן טיפן וואַלד פון יידיש דורותדיקן צער... די גרעסטע מענטשלעכע ענויים האָט ער געקאָנט ברענגען צום אויסדרוק מיט אַ שטילער צעזונגענער און געדעמפּטער שטים און ווייט צעעפנטן פאַרטרערטן אויג, און מיט אַ ציטערדיק צעקרומטער ליפּ. אַלעקסאַנדער גראַנאַך דאַגעגן פלעגט די טיפסטע רו און דאָס

## אליהו פּאָלושאַק

## אַ תפילה אין דער נאַכט

מיין ווייב גיטעלען אין אַ שווערער שעה.

איך בין געלעגן אין שטויב
אין דרייען געבויגן,
פאַרווייטיקט דאָס האַרץ
מיט אַ שטילן געוויין,
פאַרוואָלקנט מיין חוש,
די ליפּן פאַרזיגעלט,
אויף אַלע לשונות
אַ תפילה געשעפּטשעט
אין דיינעם, אין מיינעם און
אין נאָמען פון אונזער קינד:
„האָב רחמים, אָ גאָט,
דו אומבאַקאַנטער ווער,
אל תשליכנו, אל תשליכנו,
אָ, אל תשליכנו — ד׳!
שטיי איר ביי מיט דיין גנאָד
אינעם טאָג פון איר גרויסן נסיון
און ווענד אָפּ די גיפטיקע פיילן
פון פאַרניכטונג און סוף
אין דער שעה פון איר יום הדין.

„איך בעט נישט זכות אבות
פון טאַטעס און זיידעס,
וואָס האָבן געדינט דיר
מיט יראה און כבוד,
איר אייגענער זכות
דאַרף איר ביישטיין אין צייטן,
דער זכות פון אַ מאַמע
פון אַ יידישן קינד.
מיליאָנען, מיליאָנען
זען׳ געגאַנגען צו דער שחיטה,
מיליאָנען, מיליאָנען
געטריבן צום טויט,
טאָ וואָס איז אַ מענטש שוין,
אַן איינצעלנער יחיד
אַקעגן די מחנות
פאַרגאַזט און פאַרברענט?
גאַנצע משפחות פאַרטיליקט,
פאַרשניטענע לעבנס,
פאַרשניטן אַ פאָלק!

„דו האָסט אונז פאַרשוינט
פון רוצחים פאַרטיליקער
אין צייט פון רדיפות,
פּאָגראָמען־קאָשמאַר,
און אויפגעשפּאָרט
האָסט אונז׳רע לעבנס
פון באָמבעס און שריפות
און גיהנומס אַ סך, —
נישט ווענד אָפּ דיין פּנים,
דיין חסד און רחמים
איצטער אינם טאָג
פון איר גרויסער געפאַר, —
אין איר אייגענעם זכות
פון גוטסקייט און ליבע,
האָב רחמים, אָ גאָט,
אל תשליכנו, אל תשליכנו,
אויף אַלע לשונות
כ׳טו תפילה צו דיר:
פּאָמילו נאַס, אָ גאָספּאָדי,
אָ גאָספּאָדי פּאָמילוי נאַס!

„און אינם טאָג דעם געבענטשטן,
ווען קומען צוריק זי וועט
אין איר אייגענער שטוב,
באַפרייט פון סכנה, וואָס
געלויערט אין איר פאַרפּייניקטן גוף,
כ׳וועל ווידער מיך בוקן
אין דרייען געבויגן,
דער חוש נישט פאַרוואָלקנט,
מיט פריידיקן האַרצן
און שטילן געוויין,
כ׳וועל שעפּטשן אַ תפילה
און דאַנקן דיר,
דו אומבאַקאַנטער ווער:
האָב רחמים, אָ ווייטער,
דו גערעכטער,
אל תשליכנו, אל תשליכנו,
פאַרוואַרף אונז נישט, גאָט!

לאָנדאָן, 9־טן מערץ, 1954.



## יוסף הלל לעווי

## בערטאַ זינגערמאַן אין לאָנדאָן

זונטיק דעם 7־טן מערץ האָט אין לאָנדאָן דער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין זיך פאַרזאַמלט אין קלוב פון די פּויליש־יידישע קאָמבאַטאַנטן (71 קאַמפּיין גאַרדענס) מקבל פּנים צו זיין די קעניגין פון יידישן וואָרט אין דרום־אַמעריקע וואָס שמט אַלס די גרעסטע וואָרט־קינסטלערין פון אונזער צייט.

דער פאָרזיצער פונם ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין א. מ. קייזער האָט זי מיט אַ פּאָר וואַרימע ווערטער באַגריסט און סקיצירט איר לעבנס־ביאָגראַפיע. דערנאָך האָט די קינסטלערין גענומען דאָס וואָרט און דערקלערט אַז זי „באַלאַנגט נישט צו די אַוועקגעגאַנגענע, אָדער צו די צוריקגעקומענע״, מחמת זי איז קיינמאָל נישט אַוועקגעגאַנגען און דערפאַר נישט געדאַרפט צוריקקומען... אָבער מען האָט פאָרט געקענט דעם איינדרוק געווינען אַז זי געהערט נישט גאַנץ צו אונזער מחנה... ווען מיר האָבן געהערט אירע רעציטאַציעס.

מכוח איר קונסט קאָן מען מיט אַ גוטן געוויסן זאָגן, אַז די שפּאַנישע קריטיק האָט גאָרנישט מגזם געווען. זי געהערט בלי שום ספק צו די גרעסטע שפּאַנישע וואָרט־קינסטלער פון אונזער צייט. אָבער טאַקע צו די שפּאַנישע און ליידער ווייניקער צו די יידישע... יעדעס וואָרט וואָס גייט פון איר מויל אַרויס באַקומט פאַרב, קלאַנג, ריטמיק, סימעטריק, כוח און טעם. זי סוגעסטירט זיך פאַר יעדער רעציטאַציע אַליין, כדי זי זאָל אונז דערנאָך קאָנען סוגעסטירן און אַזוי איז עס טאַקע! יעדע פּאָעמע, יעדעס ליד, באַקומט ביי איר אַן אייגנאַרטיקן תיקון, מחמת זי טוט עס נאָכאַמאָל אויף איר אופן איבערשאַפן און געשטאַלטיקן.

אין ערשטן טייל האָט זי רעציטירט ביאַליקס באַרימטע ליד „דער הקדש־טאַנץ״ און משה עובד׳ס ליד „יידישי לשון״. אינם צווייטן טייל זיינען צום וואָרט געקומען שפּאַנישע דיכטער.

צו רעדן איבער בערטאַ זינגערמאַנס רעציטאַציע־קונסט איז פאַראַן זער אַ סך. אָבער זאָל דאָ נאָר בקיצור באַמערקט ווערן, אַז דאָס אַלץ וואָס איבער איר איז געשריבן געוואָרן איז לחלוטין נישט קיין גוזמא, נאָר מ׳קאָן נאָך פיל מער מוסיף זיין.

און ווער עס האָט אַמאָל געהאַט די זכיה צו הערן די צוויי גרעסטע אַקטיאָרן רודאָלף שילדקרויט און אַלעקסאַנדער גראַנאַך, זכרונם לברכה, — און בערטאַ זינגערמאַן (צו לאַנגע יאָרן) דער האָט געקענט באַמערקן אַז זי האָט אין זיך כולל געווען ר. שילדקרויטס אימפּרעסיאָניזם, וועלכער האָט באַזירט אויף די גרעסטע מענטשלעכע טראַגיק פאַרוויקלט מיט אַלע געוואַלטן פון גורל צו קאָנען אין זיך אַריינשפּילן מיט דער טיפסטער רו... די גרעסטע אומרו. זיין באַרימטער „שיילאָק־מאָנאָלאָג״ האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ ווייטער בת־קול פון אַן אַלטן טיפן וואַלד פון יידיש דורותדיקן צער... די גרעסטע מענטשלעכע ענויים האָט ער געקאָנט ברענגען צום אויסדרוק מיט אַ שטילער צעזונגענער און געדעמפּטער שטים און ווייט צעעפנטן פאַרטרערטן אויג, און מיט אַ ציטערדיק צעקרומטער ליפּ. אַלעקסאַנדער גראַנאַך דאַגעגן פלעגט די טיפסטע רו און דאָס

געפערלעכסטע שוויגן מיט זיין וווּלקאַניש־צעדונערטער שטים און אויפגעבראָכענער דיקציע מיט גרעסטער שטורעמדיקסטער אומרו און געוואַלט צו קרעירן... בערטאַ זינגערמאַן אָבער פאַרייניקט אין זיך די ביידע עלעמענטן — עס גיסן זיך ביי איר צענויף דער אימפּרעסיאָניזם מיטן עקספּרעסיאָניזם אויף דעם האַרמאָנישסטן אופן, און עס ווערט געבוירן עפּעס גיגאַנטישעס, עפּעס אַזוינס וואָס לאָזט דיר צוריק אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. עס בלייבט ביי דיר צוריק אַ התפּעלות און גערירטקייט, אַזוי ווי ביי די יעניקע וואָס האָבן אַמאָל געהערט קאַרוזא און שאַליאַפּינען זינגען און שפּילן.

אָבער אַזוי רייך ווי בערטאַ זינגערמאַנס וואָרט־קונסט איז געווען, אַזוי אָרעם אין אַקטואַליטעט איז איר פּראָגראַם געווען. מען האָט געקענט באַקומען דעם איינדרוק אַז די קינסטלערין לעבט נישט מיט דער צייט, אָדער זאָל דאָס משמע זיין — איבער דער צייט?... ווי עס זאָל נישט זיין האָט זי כאָטש געדאַרפט אויסוויילן אייניקע עפּיזאָדן פון אונזער גרויסן פאַרפייניקטן דיכטער י. קאַצענעלזאָנס ליד „דאָס דערהרגעטע יידישע פאָלק“. און נישט אַלץ די שפּאַנישע גאונימס דעקלאַמאַציעס, נאָר טאַקע אויך אַ פּאָר לידער, ווי דער דיכטער א. נ. שטענצל האָט זער ריכטיק באַמערקט: פון די דרום־אַפריקאַנישע פליטים־דיכטער. עס וואָלט געווען מער כבוד פאַר זיי אי פאַר אונז און אפשר גאָר אויך פאַר איר... מיר וואָלטן אַלע געווען געהאַט מער גרונד שטאָלץ צו זיין און זיך צו פרייען מיט איר און מיט זיי.

אָדער זאָל זי דער רום פון דער שפּאַנישער שפּראַך און אירע פּאָעטן (וואָס זייערע עלטער־זיידעס האָבן אונזערע קדושים געפירט אויף די „אויטאָדאַפעס“) האָבן אַזוי פאַרשיכורט און פאַרכישופט אַז זי האָט — אַז זי האָט אין אַלעם פאַרגעסן? אָבער דאָס וואָלט אַזאַ וואָרט־קינסטלערין ווי בערטאַ זינגערמאַן — וואָס האָט אָנגעהויבן איר קאַריערע אויף דער יידישער בינע מיט „כאַשע די יתומה“ און מיט לאהלע אין „דיבוק“ נאָך אַלס אַ 14־יאָריק מיידל — געדאַרפט בעסער צו געדענקן. און זאָל זי זיך אויף להבא ווען זי וועט ווידער דערשיינען פאַר יידישע שרייבער בעסער אין דעם פאַרטראַכטן, עס וועט פון איר כבוד זיכער גאָרנישט אָפּקומען, דערפאַר קאָן זי זיין באַרואיקט!

רחל דון־יחיא

## אריה לייב הערש ע״ה

אַ גוטער מענטש, אַ גוטער פריינט און אַ גוטער־ברודער איז אַוועק פון אונז! באַליבט און געשעצט ביי אַלעמען איז געווען אונזער מר. הערש. שווער צו גלויבן אַז אַזוי שנעל איז ער פון אונז פאַרשוווּנדן. ספּעציעל ווען מען לייענט היינט (פרייטיק 1־טן אַפּריל) זיין לעצטן אַרטיקל אין „די יידישע שטימע“ פּונקט אַ וואָך נאָך זיין לויה. דער מאַנוסקריפּט איז אָנגעקומען אין רעדאַקציע דאָנערשטיק אין דער פרי צוזאַמען מיט דעם טעלעפאָנישן באַריכט אַז פינף אַזייגער פאַרטאָג איז הערש פּלוצלינג נפטר געוואָרן אין קאָנוואַלעסענט האָום



ווו ער האָט זיך דערהאָלט נאָך אַן ערנסטער האַרץ־אַטאַקע.

הערש׳ס געבורטס־שטאָט איז ירושלים. אַהער איז ער געקומען אַלס יונגעל פון אַ יאָר 17. דאָ געלעבט נאָענט צו 50 יאָר. געווען אַ שותף אין „די צייט“, רעדאַקטאָר פון די „אָוונט נייעס“ און לעצטנס אַדמיניסטראַטאָר און מיטאַרבעטער אין „די יידישע שטימע“. אימער געווען ענערגיש און טעטיק, ערנסט און פריינטלעך צו אַלעמען. ער האָט זער געליבט זיין פרוי וועלכע האָט פיל קאָליר אַריינבעראַכט אין זייער בשותּפותדיקן לעבן, צוזאַמען מיט זייער זון און טאָכטער וועלכע זיינען פּראַכטפולע און ווערטפולע מענטשן.

זייט געטרייסט, טייערע פריינט, פאַניע, עטעל און סידני, זייט געטרייסט מיט דעם זכרון פון די גליקלעכע שטונדן, די שיינע אַטמאָספערע פון אייער היים אין דער פאַרגאַנגענהייט, און זעט עס אָנצוהאַלטן אין דער צוקונפט און דערמיט אויסדריקן אייער ליבע צו אייער איבערגעבענעם מאַן און פאָטער ווענעמס אָנדענקן ס׳בלייבט זער טייער ביי אַלע זיינע פריינט.

נעט רובין

## די פּורים־פייערונג פון „פריינט פון יידיש לשון“

אויב וועלכע עס איז אָרגאַניזאַציע האָט אַמאָל געפייערט דעם יום טוב פּורים דאָ ביי אונז אין לאָנדאָן, ווייס איך נישט צי די פייערונג איז געווען מער טראַדיציאָנעל ווי דער פּורים־באָל שבת־צו־נאַכט, דעם 20־טן מערץ, אין אַדלער האָל, איינגעאָרדנט פון „פריינט פון יידיש לשון“.

קודם כל די אַראַנזשירונג אין זאַל. ווי איבעררּאַשט זיינען די געסט געוואָרן ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין זאַל און נישט געטראָפן דאָרט קיין טישן אויסגעשטעלט, נאָר אין אַ ווינקל אַן אָרקעסטער, וואָס האָט געשפּילט טאַנץ־מוזיק, איבערהויפּט יידישע מוזיק. אין דער צווייטער זייט אין ווינקל — אַ טיש מיט כל טוב פון פּורים־מאכלים: המן־טאַשן אָנן פריטלעך, קרעפּלעך און אפילו פאָנטשקעס און באָבעס מיט אַרבעס, געזאַלצן און געפעפערט!

ס׳איז געווען גוט וואָס ס׳איז דעם קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון“ געלונגען צו אָרגאַניזירן אַזאַ היימיש־יידישלעכע פּורים־פייערונג; און ווי שיין איז געווען צו זעען טאַטעס און מאַמעס, באָבעס און זיידעס, זיך אַזוי געמיטלעך טאַנצן און אַמוזירן. און ווען די צוויי דיכטער, א. נ. שטענצל און שמואל וווהייט, מיט נאָך אייניקע פריינט האָבן זיך אָנגענומען אין אַ ראָד, טאַנצנדיק אַ ריקודל, איז די התלהבות געוואָרן גאָר גרויס. איך האָב אַרויפגעלייגט איין האַנט אויף שטענצלס אַקסל און די צווייטע אויף שמואל ווהייטס און ווי פאַרגעסן צי איך בין אין דער אַדלער האָל אויף אַ באָל. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט ווי כ׳וואָלט אַליין געווען אַ רבי אין עפּעס אַ חסידים־שטיבל. אַזוי געהויבן איז געווען די שטימונג. אַלע געסט האָבן געהאַט אַ גייסטרייכן פאַרגעניגן.

הלואי האָבן מיר אַזעלכע אָוונטן כאָטש איינמאָל אין דריי חדשים!

אַ יישר־כוח קומט דעם גאַנצן קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון“ פאַר דער האַרציקער שמחה; איבערהויפּט די פרויען, וועלכע האָבן גאָרנישט געשפּאָרט, כדי צו דערפירן צו אַזאַ דערפאָלג: מאַדאַם רחל מירסקי, מאַדאַם וויס־

גראַז, מאַדאַם היישעריק, מאַדאַם לעמעל, מאַדאַם לעוו, מאַדאַם טאַבאַטשניק, מאַדאַם גאָלדבערג און מאַדאַם ווייסבאָרד.

די פורים־פייערונג איז געווען עכט יום־טובדיק.

## פריינט פון יידיש לשון, וועסט־ענד בראַנטש

זונטיק, דעם 14־טן מערץ, אין אָוונט האָט די וועסט־ענד בראַנטש פון „פריינט פון יידיש לשון" פאַראַנשטאַלטעט אַ פייערלעכן נשף־פורים. אַ גרויסע צאָל אינטעליגענטע געסט האָט זיך פאַרזאַמלט ביי פיין געדעקטע טישן מיט פורים־מאכלים פון כל־טוב.

פריינט ס. לעמעל האָט געפירט דעם פאָרזיץ, אַריינפירנדיק דעם אָוונט אין אַ געהויבענער שטימונג מיט אַ קורצער, אָבער געלונגענער הקדמה. ער גיט דאַן איבער דאָס וואָרט דעם וויצ־פרעזידענט, מר.ביילי, וועלכער גיט אַ זער אויסגעהאַלטענעם איבערבליק איבער מגילת אסתר. און כאָטש פריינט ביילי האָט זיך אויך געהאַלטן קורץ אין זיין רעדע, איז עס ביי אים אַרויסגעקומען זער געלונגען.

ס'איז ווירקלעך אַ כבוד פאַר דער וועסט־ענד בראַנטש פון „פריינט פון יידיש לשון" צו האָבן אין זייער קאָמיטעט „עמך"־מענטשן, וואָס קאָנען זיך אַוועקשטעלן פאַר אַן עולם און רעדן איבער געוויסע טעמעס מיט באַוווסט־זיניקייט.

ס'האָט זיך אויך באַטייליקט דער דיכטער א. נ. שטענצל מיט אַ קורצן רע־פעראַט איבערן יום־טוב פורים און מגילת אסתר, אָבער שוין אויף אַ ברייטערן פאַרנעם. פון אַט דעם רעפעראַט האָבן די פאַרזאַמלטע פיל געלערנט. די פאַר־זאַמלטע האָבן אים באַדאַנקט פאַרן כבוד, וואָס ער האָט זיי צוגעטיילט, פייערנ־דיק צוזאַמען מיט זיי דעם טראַדיציאָנעלן פורים־אָוונט.

אין קאָנצערט־טייל האָבן זיך באַטייליקט: איזי בלעקער, מיט פאָרלייענען הומאָרעסקעס פון יעקב מאַרינאָוו און פון לעבעדיקן; דזשעני האָט מיט האַרציק זינגען דאָס ליד רייזעלע און מיט פאַרלייענען „משה דער שניידער" פון קיטי בראַון. גרויס הנאה האָט דער עולם געהאַט פון די לידער, וואָס מאַדאַם היישע־ריק האָט געזונגען פון ביאַליק און פון רייזען.

דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דאַנק־אויסדרוק פונם פאָרזיצער, פריינט ס. לעמעל, צו אַלע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט.

• • •

זונטיק, דעם 4־טן אַפּריל, אין אָוונט איז אין גרויסן זאַל פון דיען סטריט שול, וו.1, פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון יידישע פאָלקס־לידער, אויסגעפילט פון די צוויי באַוווסטע שוישפילער, אַלין ווינאָגראַד און סעם גאָלדבערג — זייער ערשטער אויפטריט נאָכן אומקערן זיך פון אַמעריקע.

ס'איז געווען אַ נחת צו זען אַזאַ גרויסן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דעם זאַל — אַ באַווייז, אַז אין דער וועסט־ענד איז פאַראַן אַ יידישע מאַסע, וואָס בענקט נאָך אַ יידיש וואָרט.



אַלין ווינאָגראַד און סעם גאָלדבערג האָבן דאַן באַגייסטערט דעם עולם מיט נייע געזאַנגען און לידער, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן.

ס'וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך — כמעט אַ חוב — פאַר „פריינט פון יידיש לשון" צו פאַראַנשטאַלטן יעדן חודש ליטעראַרישע אָוונטן פון אַט דעם שטייגער.

עס האָבן אויך אַמוזירט די פאַרזאַמלטע: שלום יאַקובאָוויטש, מיט אַ מאָנאָ־לאָג פון משה נאַדיר; דער טריאָ — מ. מינדעל, מאַנדאַלין; אברהם בראַוער און אברהם פאַריאַנסקי.

## שאר ירקות

אויף דער נאַאיווער פראַגע פונם תם: צי דער בחיר היצירה איז באמת פעאיק צו וואַרפן די הידראָגען־באָמבע און מיט איין קלאַפּ אויסהרגענען הונ־דערטער מיליאָנען זיינס־גלייכן?

ליידער מוזן מיר זיך אָנגורטן מיט אונזער גאַנצן רשעות, פונם ווייי־חכם פון דער הגדה און ענטפערן: עס איז הכל בסדר, מיר וואַרטן אויפן געגנבטן אפיקמן...

אַמעריקע מיט רוסלאַנד וועלן שוין צווישן זיך אַדורכקומען, מכוח די געלע ראַסע געפאַר, ווי רוסלאַנד איז אַמאָל מיט דייטשלאַנד אַדורכגעקומען, מיט 15 יאָר צוריק, מכוח דער יידישער ראַסע און מען וועט געבן אַ מעק אָפּ אַ דריטל פונם כינעזישן פאָלק — די פרעה־שרעק פון „פן־ירבה" איז מענטשלעכע טראַדיציע־טראַגעדיע... ס'געהער שוין צו דער גאַנץ ערשטער מענטשלעכער מכה. נאָך פון פאַר די עשרת בני המן!...

עס וועט איצט אויך שוין אַ סך לייכטער און הומאַנער זיין און טעכניש אַ סך פאָרטגעשריטענער, ווי מיט 15 יאָר צוריק, ווען מען האָט נאָך נויטיק גע־האָט דערצו אַזעלכע פרימיטיווע זאַכן ווי גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריומס א.אַז.וו. איין קלאַפּ און נאָך אַ קלאַפּ מיט דער ציוויליזירטער לעצטער דערפינדונג און — חסל סדרי פסח כהלכתו! אויס מיט דער סדר־שיסל... און באַסטאַ!

• • •

פרעגט מיך ווייטער דער „שיינדיינישל": אויב דו ביזט שוין יאָ אַזאַ חכם פון דער הגדה, איז וואָס הערט זיך מכוח דעם סכסוך, און די תכסיסי מלחמה פון ישראל און די אַראַבער?

— מישטיינס געזאָגט די אַראַבער מיט די אָפּגעריסענע תחתונים און דאָס „תציל־ממות־פּושקעלע" פון די „באַנדס" און „אַפּילס" — —

דאָרטן אויפן הר המוריה איז דער אבן שתיה, דער פּרווו־שטיין אָדער חלילה דער שטרויכל־שטיין פונם בחיר־היצירה — דער גרויסער נסיון!

די יונ"אָ, די פאַראייניקונג פון אַלע גויים,— ווילן זיי זיך ווייטער שפּילן מיט אונז, מיט גלויביקע ווערטער דאָס אומגלויבלעכע צו טון; ווילן זיי זיך ווייטער — נאָך דעם וואָס עס איז געשען! — מיט אונז זיך שפּילן ווי מיט אַ געשלאָגענעם הונט, וואָס מען ווייזט אים אַ ביין און מען ציט אים צוריק? — ווילן זיי אַ סוף מאַכן צום שפּיל, אָדער וועלן מיר מיט־אַריינגעצויגן ווערן אין

גראַז, מאַדאַם היישעריק, מאַדאַם לעמעל, מאַדאַם לעוו, מאַדאַם טאַבאַטשניק, מאַדאַם גאָלדבערג און מאַדאַם ווייסבאַרד.

די פורים־פייערונג איז געווען עכט יום־טובדיק.

## פריינט פון יידיש לשון, וועסט־ענד בראַנטש

זונטיק, דעם 14־טן מערץ, אין אָוונט האָט די וועסט־ענד בראַנטש פון „פריינט פון יידיש לשון" פאַראַנשטאַלטעט אַ פייערלעכן נשף־פורים. אַ גרויסע צאָל אינטעליגענטע געסט האָט זיך פאַרזאַמלט ביי פיין געדעקטע טישן מיט פורים־מאכלים פון כל־טוב.

פריינט ס. לעמעל האָט געפירט דעם פאָרזיץ, אַריינפירנדיק דעם אָוונט אין אַ געהויבענער שטימונג מיט אַ קורצער, אָבער געלונגענער הקדמה. ער גיט דאַן איבער דאָס וואָרט דעם וויס־פרעזידענט, מר. ביילי, וועלכער גיט אַ זער אויסגעהאַלטענעם איבערבליק איבער מגילת אסתר. און כאָטש פריינט ביילי האָט זיך אויך געהאַלטן קורץ אין זיין רעדע, איז עס ביי אים אַרויסגעקומען זער געלונגען.

ס'איז ווירקלעך אַ כבוד פאַר דער וועסט־ענד בראַנטש פון „פריינט פון יידיש לשון" צו האָבן אין זייער קאָמיטעט „עמך"־מענטשן, וואָס קאָנען זיך אַוועקשטעלן פאַר אַן עולם און רעדן איבער געוויסע טעמעס מיט באַוווסט־זיניקייט.

ס'האָט זיך אויך באַטייליקט דער דיכטער א. נ. שטענצל מיט אַ קורצן רע־פעראַט איבערן יום־טוב פורים און מגילת אסתר, אָבער שוין אויף אַ ברייטערן פאַרנעם. פון אָט דעם רעפעראַט האָבן די פאַרזאַמלטע פיל געלערנט. די פאַר־זאַמלטע האָבן אים באַדאַנקט פאַרן כבוד, וואָס ער האָט זיי צוגעטיילט, פייערנ־דיק צוזאַמען מיט זיי דעם טראַדיציאָנעלן פורים־אָוונט.

אין קאָנצערט־טייל האָבן זיך באַטייליקט: איזי בלעקער, מיט פאָרלייענען הומאָרעסקעס פון יעקב מאַרינאָוו און פון לעבעדיקן; דזשעני האָט מיט האַרציק זינגען דאָס ליד רייזעלע און מיט פאָרלייענען „משה דער שניידער" פון קייטי בראַון. גרויס הנאה האָט דער עולם געהאַט פון די לידער, וואָס מאַדאַם היישע־ריק האָט געזונגען פון ביאַליק און פון רייזען.

דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דאַנק־אויסדרוק פונם פאָרזיצער, פריינט ס. לעמעל, צו אַלע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט.

* * *

זונטיק, דעם 4־טן אַפריל, אין אָוונט איז אין גרויסן זאַל פון דיען סטריט שול, וו.1, פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פון יידישע פאָלקס־לידער, אויסגעפילט פון די צוויי באַוווסטע שוישפילער, אַלין ווינאָגראַד און סעם גאָלדבערג — זייער ערשטער אויפטריט נאָכן אומקערן זיך פון אַמעריקע.

ס'איז געווען אַ נחת צו זען אַזאַ גרויסן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דעם זאַל — אַ באַווייז, אַז אין דער וועסט־ענד איז פאַראַן אַ יידישע מאַסע, וואָס בענקט נאָך אַ יידיש וואָרט.



אַלין ווינאָגראַד און סעם גאָלדבערג האָבן דאַן באַגייסטערט דעם עולם מיט נייע געזאַנגען און לידער, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ס'וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך — כמעט אַ חוב — פאַר „פריינט פון יידיש לשון" צו פאַראַנשטאַלטן יעדן חודש ליטעראַרישע אָוונטן פון אָט דעם שטייגער.

עס האָבן אויך אַמוזירט די פאַרזאַמלטע: שלום יאַקובאָוויטש, מיט אַ מאָנאָ־לאָג פון משה נאַדיר; דער טריאָ — מ. מינדעל, מאַנדאָלין; אברהם בראַוער און אברהם פאַריאַנסקי.

---

## שאר ירקות

אויף דער נאַאיווער פראַגע פונם תם: צי דער בחיר היצירה איז באמת פעאיק צו וואַרפן די הידראָגען־באָמבע און מיט איין קלאַפּ אויסהרגענען הונ־דערטער מיליאָנען זיינס־גלייכן?

ליידער מוזן מיר זיך אָנגורטן מיט אונזער גאַנצן רשעות, פונם ווייי־חכם פון דער הגדה און ענטפערן: עס איז הכל בסדר, מיר וואַרטן אויפן געגנבטן אפיקמן...

אַמעריקע מיט רוסלאַנד וועלן שוין צווישן זיך אַדורכקומען, מכוח די געלע ראַסע געפאַר, ווי רוסלאַנד איז אַמאָל מיט דייטשלאַנד אַדורכגעקומען, מיט 15 יאָר צוריק, מכוח דער יידישער ראַסע און מען וועט געבן אַ מעק אָפּ אַ דריטל פונם כינעזישן פאָלק — די פרעה־שרעק פון „פן־ירבה" איז מענטשלעכע טראַדיציע־טראַגעדיע... ס'געהער שוין צו דער גאַנץ ערשטער מענטשלעכער מכה. נאָך פון פאַר די עשרת בני המן!...

עס וועט איצט אויך שוין אַ סך לייכטער און הומאַנער זיין און טעכניש אַ סך פאָרטגעשריטענער, ווי מיט 15 יאָר צוריק, ווען מען האָט נאָך נויטיק גע־האָט דערצו אַזעלכע פרימיטיווע זאַכן ווי גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריומס א.אַז.וו. איין קלאַפּ און נאָך אַ קלאַפּ מיט דער ציוויליזירטער לעצטער דערפינדונג און — חסל סדרי פסח כהלכתו! אויס מיט דער סדר־שיסל... און באַסטאַ!

* * *

פרעגט מיך ווייטער דער „שיינדיינישל": אויב דו ביזט שוין יאָ אַזאַ חכם פון דער הגדה, איז וואָס הערט זיך מכוח דעם סכסוך, און די תכסיסי מלחמה פון ישראל און די אַראַבער?

— מישטיינס געזאָגט די אַראַבער מיט די אָפּגעריסענע תחתונים און דאָס „תציל־ממות־פושקעלע" פון די „באַנדס" און „אַפּילס" — —

דאָרטן אויפן הר המוריה איז דער אבן שתיה, דער פרווו־שטיין אָדער חלילה דער שטרויכל־שטיין פונם בחיר־היצירה — דער גרויסער נסיון!

די יונ"אָ, די פאַראייניקונג פון אַלע גויים,— ווילן זיי זיך ווייטער שפילן מיט אונז, מיט גלויביקע ווערטער דאָס אומגלויבלעכע צו טון; ווילן זיי זיך ווייטער — נאָך דעם וואָס עס איז געשען! — מיט אונז זיך שפילן ווי מיט אַ געשלאָגענעם הונט, וואָס מען ווייזט אים אַ ביין און מען ציט אים צוריק? — ווילן זיי אַ סוף מאַכן צום שפיל, אָדער וועלן מיר מיט־אַריינגעצויגן ווערן אין

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער פריינט **מאָריס מינדעל** צום טויט פון זיין ברודער **יצחק מינדעל.**

פריינט פון יידיש לשון.

---

אונזער טיפן מיטלייד צום אַקטיאָר **בערנארד מענדעלאָוויטש** צום טויט פון זיין מוטער.

פריינט פון יידיש לשון.

---

אונזער טיפן מיטלייד צו פרוי **פאניע הערש** און אירע קינדער צום פאַרלוסט פון איר ליבן מאַן דעם שרייבער **ל. הערש.** זאָל זי געטרייסט זיין אין זיין גוטן נאָמען וואָס ער האָט איבערגעלאָזן צווישן זיינע קאָלעגן און אויף דער יידישער גאַס.

פריינט פון יידיש לשון.

איך דריק אויס מיין טיפסטן מיטגעפיל צו **פאניא הערש** און אירע קינ־דער דורך דעם פאַרלוסט פון זייער ליבן מאַן און פאָטער דעם שרייבער **ל. הערש.** זאָלן זיי געטרייסט זיין מיט דעם גוטן נאָמען וואָס ער האָט איבערגע־לאָזט. זיינע פריינט וועלן אים שטענדיק דערמאָנען צום גוטן.

קייטי בראון

---

סוף־חודש זונטאגס

**בן אורי,** 14 פאָרטמאַן סטריט, וו.1.

**זונטאג,** דעם 25־סטן **אפריל,** 8 אַזייגער

**א פרץ־פייערונג**

עס וועלן רעדן: אליה פאַלושאַק און י. ביעטש

לייענען און רעציטירן: זעליג עפעלבוים, נעט רובין, רעוו. ש. ראָטה א. אַ.

פאָריזך: א. נ. שטענצל.

---

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

168

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 172) פופצנטער יאָרגאַנג מאַי 1954 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט:

יום העצמאות, צו דער יידישער מלוכה פאָן ; 1) דריי יאָר „די יידישע שטימע", 2) צו מאַקס הילסבערג׳ס אויפפירונג פון „עקידת יצחק" און „גאָט מענטש און טייחל", 3) אין חייטער פאַרחאָרפנקייט •• 1

מאַקס הילסבערג (פאָטאָ) .......... 4

ישראל עפרויקין (צו די שלושים) ... דר. יעקב י. מייטליס 6

די טעג פון ציילן אָדער... געציילטע טעג (צום עלפטן יאָרטאָג פון די קאַמפן אין חאַרשעחער געטאָ) ... אליהו פאַלושאַק 10

ש. קאַטשערגינסקי מעמענטאָ ... מ. אַלמאַן 13

מיין ליד (פאָעמע) ... בן־א. סאָכאַטשעחסקי 14

צום איצטיקן ערשטן מאַי (ליד) ... ש. זאַלקין 16

דריי זיינען זיי געחעזן, אַ תפילה, מיין חידערקול (לידער) ... שמואל חהייט 17

אַ פאַלטשער חשבון (דערציילונג) ... קייטי בראון 18

פרילינג, ליד, באַלאַדן־קראַנץ (לידער) ... א. נ. שטענצל 20

די יונגע דאַמע אין שחאַרצן (דערציילונג) ... משה דאָמב 21

אויף די בערג און די טאָלן (לידער) ... יוסף הלל לעחי 28

קלייב אויף... (ליד) ....... י. י. סיגאַל 29

מלכות־שבמלכות (עסיי) ........ ש. 30

לאָנדאָנער־ידיעות, ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס ... 32

**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

**אַבאָנענט־פרייז :—19/6 פאָר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,

Collingwood Street, London, E.1. England